בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר׳ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

**תשפ״ה**

392

## לשליחת מכתבים ושאלות
## אל הראש ישיבה שליט"א

**בדואר:**

MECHON ATZUSOI EMINU
PO BOX: 646
LIBERTY, NY 12754-9998

**או דרך:**

HTTPS://BRESLEVCENTER.COM/ANSWERS

**להרשמה לקבלת המכתב היומי במייל:**

CHIZIKYOMI@RABBIROTH.ORG

## להשתתפות וליטול חלק

בקונטרסים השבועיים או בשאר ספרי
המכון, המאירים את בתיהם
של אלפי יהודים

התקשרו אל הגבאי
מוה"ר **משה גראס** שליט"א
053-316-3399

בארה"ב ניתן להתקשר אל הגבאי
מוה"ר **שמואל אייכנשטיין** הי"ו
917-589-3382

או שלחו מייל לכתובת
SHMIELMAEB@GMAIL.COM

הוצאת ספרי רבינו זכותו יגן עלינו
מכון עצתו אמונה

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


מֶעג אִיךְ הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן צוּ זֶען נַייעֶס פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ?........................ב
דִי מֶעדֶעצִין קֶען שָׁאטְן פַאְרן קִינְד?........................................ג
זִיךְ לֶערְנֶען אַ פַאךְ בַּיי אַ דֵייטְשֶׁע גוֹי?........................................ה


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


אַנְשְׁטָאט זִיךְ פְּלָאגְן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, קֶען מֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה ........................א
וֶוען מֶען פָארְט מִיט אַ פְלִיגֶער דַארְף מֶען דָאךְ רַחֲמֵי שָׁמַיִם........................ג
אַ גוּטֶע בּוּנְקֶער וואוּ זִיךְ צוּ אוֹיסְבַּאהַאלְטְן ........................ד
דִי סוֹף פוּן דְרָאגְס אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער ........................ה
אַוֶועקְשְׁטֶעלְן דִי שְׁטוּב רִיכְטִיג נָאךְ דִי חֲתוּנָה........................ו
אַרַיינְקוּקְן יֶעדְן טָאג אִין דִי הֵיילִיגֶע בְּרִיוו פוּן אֲשֶׁר בַּנַחַל........................ו
פַארְוָואס שְׁפִּירְט מֶען נִישְׁט קַיין טַעַם אִין קוּמֶען אִין שׁוּל?........................ז
אַרַיינְטַאנְצְן אִין קוֹיפְן אַ דִירָה........................ט
גֶעבְן פַאר שַׁדְכָנוּת, צוּ הָאבְן אַ רֵיינֶע שְׁטוּבּ ........................י
דִי הֶערְלִיכֶע מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל........................יא
נֶעמְט נִישְׁט אָן דִי לָשׁוֹן הָרָע........................יא
לֶערְנֶען מִיט דִי בָּחוּרִים צוּ זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן........................יב
בֶּעטְן אוּן נָאכְאַמָאל בֶּעטְן צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת........................יג

אַ פְלֶעשְׁל טְרֶעדְן וֶועט אָנְטְרִינְקֶען דִי טְרוּקֶענֶע בֵּיימֶער ........................ טז
נִישְׁט נִיצְן מַיין נָאמֶען וֵויי צוּ טוּן קֵיינֶעם ........................ יז
גֶעבּ מִיר שֶׁפַע, אִיךְ זָאל קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין מַיין פַאמִילְיֶע ........................ יח
שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת ........................ יט
אַלֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים וֶועלְן גֶעדֶענְקְט וֶוערְן פַאר אֵייבִּיג ........................ יט
בֶּעסְטֶע סְגוּלָה פַאר פַּרְנָסָה, פַאר גֶעזוּנְט, פַאר נַחַת, פַאר שִׂמְחָה ........................ כא
אַ פַארְזָארְגְטֶער, אַ נֶערְוֶועזֶער, אַ דֶעפְּרֶעסְטֶער, אַ דֶערְשְׁלָאגֶענֶער ........................ כב
תּוֹרָה מַאכְט גֶעזוּנְט דִי נֶפֶשׁ, אַלֶע פְּחָדִים אוּן דִמְיוֹנוֹת גֵייעֶן אַוֶועק ........................ כג
גֶעבּ דַיינֶע צְדָקוֹת צוּ בּוֹיעֶן דֶעם רֶבִּינְ'ס מוֹסְדוֹת ........................ כד
דִי אֵיידֶעלֶע וַוייבֶּער זֶענֶען גֶעטְרֵיי צוּם מַאן ........................ כו
דֶער וָואס זָאגְט תְּהִלִּים, פַאלְט נִישְׁט ........................ כז
וֶועסְט עֶנְדִיגְן שַׁ"ס, וֶועל אִיךְ בְּלִי נֶדֶר דִיךְ נֶעמֶען קַיין מִירוֹן ........................ כז
בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידוֹת זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ אֵיידְלְקֵייט ........................ כח
פַארְצֵייכֶענֶען וֶוען אוּן וִויפִיל גֶעעֶנְדִיגְט תְּהִלִּים ........................ כט
קוּקְן גוּט אוּן זוּכְן דָאס גוּטְס ........................ כט
טוֹיזְנְטֶער אִידְן הָאבְּן אוֹיפְגֶעלוֹיכְטְן דוּרְךְ דִי שִׁיעוּרִים אוּן סְפָרִים ........................ ל
רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף מַאמֶע לָשׁוֹן ........................ לא
דִי זִיסֶע אַיינְגֶענֶעמֶע אוּן לוֹיטֶערֶע לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ........................ לא
מַאךְ פְרֵיילִיכֶע לֶעבֶּעדִיגֶע סְעוּדוֹת אִינְדֶערְהֵיים ........................ לב
דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת ........................ לג

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## מֶעג אִיךְ הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן צוּ זֶען נֵייעֶס פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער זֵייעֶר אַסַאךְ וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט הָאבְּן קַיין סְמַארְטְפָאוֹן, אִיךְ דַארְף עֶס אָבֶּער הָאבְּן צוּ זֶען דִי בְּרֶסְלֶב סֶענְטֶער עֶפְּפּ, צוּ זֶען אַלֶע הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ נֵייעֶס; ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן צִי אִיךְ מֶעג עֶס הָאבְּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּהַר-בְּחוּקוֹתַי, כ״ד אִיָּר, ל״ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ נֵייעֶס וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אִין דִי חוּמָשׁ, אִין דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ, אוּן אִין דִי גְמָרָא, אִינֶעם בְּלַאט גְמָרָא וָואס מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג; נָאר דָאס אִיז הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ נֵייעֶס, נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע נֵייעֶס אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

וַוארְף אַוֶועק דַיין סְמַארְטְפָאוֹן, דַארְפְסְט עֶס נִישְׁט הָאבְּן. קֶען זַיין יֶעצְט וֶוען דוּ בִּיסְט אַזוֹי אַרַיינְגֶעטוּן אִין קוּקְן נֵייעֶס שְׁפִּירְסְטוּ וִוי דוּ דַארְפְסְט עֶס אוּן דוּ מוּזְט עֶס הָאבְּן, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דוּ וֶועסְט נִישְׁט קֶענֶען אָן דֶעם, אָבֶּער אֵיינְמָאל דוּ וֶועסְט עֶס אַוֶועק וַוארְפְן - וֶועסְטוּ זִיךְ שְׁפִּירְן וִוי אַן

אוֹיסְגֶעלֵייזְטֶער מֶענְטְשׁ, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז דוּ וֶועסְט זוּכְן דִי אֱמֶתְ׳עֶ נַייעֶס פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, פוּן דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ, פוּן דִי גְמָרָא, מֶדְרָשִׁים - וֶועסְטוּ זַיין אִינְגַאנְצְן פְרֵיי. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ו, ב): ״אֵין לְךָ בֶּן חוֹרִין״, וֶוער אִיז פְרֵיי? ״אֶלָּא מִי שֶׁעוֹסֵק בְּתַלְמוּד תּוֹרָה״, נָאר דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן קַיין הַאטְלֵיינְס, הֶער אוֹיס נָאר צַדִּיקִים וָואס רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה, פוּן אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי מֶעדֶעצִין קֶען שָׁאטְן פַארְן קִינְד?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, אוּן בִּפְרַט פַארְן מַאכְן מַיין גַן עֵדֶן שְׁטוּב פַאר מַיין גֶעשְׁמַאקְסְטֶע אוּן אִינְטֶרֶעסַאנְסְטֶע פְּלַאץ פַאר מִיר אוֹיף דִי וֶועלְט, דִי זְכוּת זָאל בֵּיישְׁטֵיין פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אִיךְ בֶּענְק זִיךְ שׁוֹין זֵייעֶר.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט זָאגְן אַז צוּ נֶעמֶען עֶפִּידוּרֶעל שַׁאדְט פַארְן נֶפֶשׁ פוּנֶעם קִינְד, אִיז דָאס אֱמֶת? אִיז דָא אַ מְקוֹר אוֹיף דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּהַר-בְּחוּקוֹתַי, כ״ד אִיָּר, ל״ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וֶוערְט דִי שְׁטוּב מַמָּשׁ אַ ׳גַן עֵדֶן׳, עֶס וֶוערְט אַ זִיסֶע פְּלַאץ, מֶען הָאט הַנָאָה צוּ זַיין אִין שְׁטוּב, מֶען שְׁפִּירְט

ווי די שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה אִיז דָארְט, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז אִין שְׁטוּבּ אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין דִי ווייבּ, רֶעדְן שֵׁיין מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקסג): "אִין דִי צַייטְן פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט מֶען גֶערוּפְן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה 'שָׂרָה', אִין דִי צַייטְן פוּן יִצְחָק אָבִינוּ הָאט מֶען גֶערוּפְן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה 'רִבְקָה', אִין דִי צַייטְן פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט מֶען גֶערוּפְן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה 'רָחֵל אוּן לֵאָה'", אוּן דֶער רֶבִּי פִירְט אוֹיס: "וְכֵן הוּא אֵצֶל כָּל אֶחָד וְאֶחָד", אוּן אַזוֹי אִיז בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, דִי ווייבּ אִיז בְּחִינַת שְׁכִינָה.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אִין שו"ת בְּרֶסְלֶב (חֵלֶק מא, מִכְתָּב ה' תקמח) אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם צוּ נֶעמֶען עֶפִּידוּרֶעל, דָאס אִיז אַלֶעס דִמְיוֹנוֹת, נֶעבֶּעךְ פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס גֵייעֶן נָאךְ דִי מְדַבְּרִים וָואס שְׁרֶעקְן אָן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן. דִי זַאךְ שַׁאדְט נִישְׁט פַארְן נֶפֶשׁ פוּנֶעם קִינְד, וַוייסְט וָואס שַׁאדְט פַארְן קִינְד? קוּקְן עֲבֵירוֹת, קוּקְן מָאוִויס - דָאס שַׁאדְט פַארְן קִינְד, דָאס שַׁאדְט פַארְן נֶפֶשׁ, רוּחַ אוּן נְשָׁמָה, פוּן דִי מַאמֶע, פוּן דִי טַאטֶע אוּן פוּן דִי קִינְד.

אוֹיךְ כַּעַס שַׁאדְט פַאר דִי שְׁטוּבּ, אַז מֶען כַּעַסְ'ט זִיךְ צֶעפַאלְט דִי שְׁטוּבּ, עֶס וֶוערְט אַ חוּרְבָּן. מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט כַּעֲסְ'ן, מֶען זָאל מְוַתֵּר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ לֶערְנֶען אַ פַאךְ בַּיי אַ דֵייטְשֶׁע גוֹי?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הַאלְט זִיךְ אִינְמִיטְן לֶערְנֶען אַ פַאךְ, אוּן אֵיינֶער פוּן דִי לֶערֶערְס אִיז אַ דֵייטְשֶׁער גוֹי, עֶר רֶעדְט אוּן קוּקְט אוֹיס ווי אַ רִיכְטִיגֶער דֵייטְשׁ, מִיט בְּלָאנְדֶע הָאר אוּן בְּלוֹיעֶ אוֹיגְן; עֶס אִיז מִיר אָבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶוער נִישְׁט צוּ גֵיין צוּ אִים ווייל עֶר לֶערְנְט אוֹיס אַ חֵלֶק פוּן דִי

לִימוּדִים, אִיךְ ווייס אָבֶער אַז צַדִיקִים הָאבְּן מַקְפִּיד גְעוֶוען נִישְׁט צוּ קוֹיפְן זַאכְן וָואס אִיז גֶעמַאכְט גְעוָוארְן אִין דֵייטְשְׁלַאנְד, אוּן גְעווִיסֶע צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען דִי רִיכְטִיגֶע עֲמָלֵקִים; דַארְף אִיךְ דַוְקָא זִיךְ שְׁטֶעלְן אוֹיף דֶעם אַז אִיךְ וִויל נִישְׁט גֵיין צוּ אִים?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּהַר-בְּחוּקוֹתַי, כ״ז אִיָּר, מ״ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, עֶס אִיז אַ חִיוּב אוֹיף אַלֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה׳ס אוּן מֵיידְל סְקוּלְס צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער וָואס דִי דֵייטְשֶׁע רוֹצְחִים הָאבְּן גֶעטוּן מִיט כְּלַל יִשְׂרָאֵל. ווִי זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶע׳רַצְחְ׳ט מִיט אַלֶע מִיתוֹת מְשֻׁנּוֹת אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מִיט סְקִילָה, שְׂרֵפָה, הֶרֶג אוּן חֶנֶק. אִיבֶּער זֶעקְס מִילְיָאן אִידְן הָאבְּן דִי רוֹצְחִים פַּארְטִילִיגְט, מֶען דַארְף דָאס לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען: ״זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק״ (דְבָרִים כה, יז), וָואס דִי פֶעלְקֶער הָאבְּן גֶעטוּן מִיט דִי אִידִישֶׁע פָאלְק.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט אַהִין פָארְן אוּן מֶען זָאל זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט דָארְט אָפְּשְׁטֶעלְן, אֲפִילוּ נָאר אוֹיף טוֹישְׁן פְּלִיגֶער, אוּן אוֹיךְ אַז מֶען זָאל נִישְׁט קוֹיפְן קַיין דֵייטְשֶׁע פְּרָאדוּקְטְן אוּן נִישְׁט הָאבְּן מִיט זֵיי.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען וְכוּ׳; צַדִיקִים זָאגְן אַז דִי דֵייטְשֶׁע זֶענֶען דִי עֶכְטֶע עֲמָלֵקִים (עַיֵּן שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת שֵׁבֶט הַלֵּוִי חֵלֶק ה, סִימָן קמט), אוּן צַדִיקִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיךְ טְרֶעפְן מִיט זֵיי, נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף דִי פָּנִים פוּן עֲמָלֵק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## אַנְשְׁטָאט זִיךְ פְּלָאגְן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, קֶען מֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ז אִיָּיר, מ"ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר קוּמֶען שׁוֹין נֶענְטֶער צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, ווִיל אִיךְ דִיךְ מְחַזֵּק זַיין שׁוֹין פוּן הַיינְט זָאלְסְט אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ מִיטְן תַּרְגוּם, אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): "לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו", דֶער וָואס לֶערְנְט יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה, צְוֵויי מָאל יֶעדֶע פָּסוּק חוּמָשׁ, אוּן אֵיין מָאל יֶעדֶע פָּסוּק תַּרְגוּם - וֶועט הָאבְּן אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים, אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וָאֵילָךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין טוּן דִי מִצְוָה, אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה זָאגְט (שָׁם, סְעִיף קָטָן ח), אַז דֶער גְרָ"א הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, עֶר הָאט יֶעדְן טָאג גֶעלֶערְנְט שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם אוּן דָאס גֶעעֶנְדִיגְט עֶרֶב שַׁבָּת; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אוֹיךְ קֶען מֶען לֶערְנֶען פוּן פָארְאוֹיס, זוּנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, מָאנְטָאג בִּיז רְבִיעִי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא. אִיךְ וֵוייס דוּ הָאסְט תֵּירוּצִים, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט לֶערְנֶען, דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט, דוּ הָאסְט שְׁוֶוערֶע טֶעג, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען אֲפִילוּ אָן

פַארְשְׁטֵיין, אִיז פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט פְּרוּבִּירְן דִי זִיסֶע וֶועג פוּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה? חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יג, ז), אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ב, ה): "'וְאָדָם אַיִן לַעֲבֹד אֶת הָאֲדָמָה', לֹא נִבְרָא אָדָם אֶלָּא לְעָמָל", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן נָאר אוֹיף זִיךְ צוּ פְּלָאגְן, "אִם זָכָה, הוּא עָמֵל בַּתּוֹרָה", אוֹיבּ אִיז עֶר זוֹכֶה פְּלָאגְט עֶר זִיךְ אִין תּוֹרָה, "וְאִם לֹא זָכָה", אוּן אוֹיבּ עֶר אִיז נִישְׁט זוֹכֶה, "הוּא עָמֵל בָּאָרֶץ", פְּלָאגְט עֶר זִיךְ אִין אַרְבֶּעטְן מִיט דִי עֶרְד, "אַשְׁרָיו לְאָדָם", ווארוּם אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ, "שֶׁהוּא עָמֵל בַּתּוֹרָה", וָואס זַיין פְּלָאג אִיז אִין דִי תּוֹרָה; אִיז דָאךְ מַמָּשׁ אַ שָׁאד, אַנְשְׁטָאט זָאלְסְט זִיךְ פְּלָאגְן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן - קֶענְסְטוּ אוֹיסְנִיצְן דִי פְּלָאג מִיט גוּטֶע זַאכְן, מִיט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, זַיי נִישְׁט נַארִישׁ, כַאפּ אַריין יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ, מִשְׁנַיּוֹת, גְּמָרָא וְכוּ', דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע עֲשִׁירוּת וָואס אִיז דָא. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קכ.), אוֹיפְן פָּסוּק (יְשַׁעְיָה ג, ז): "'וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה', זֶה שֶׁאֵין בְּיָדִי לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה וְלֹא תַּלְמוּד", אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט נִישְׁט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיּוֹת אוּן אַ דַף גְּמָרָא, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער אָרֶעמַאן.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין מִירוֹן לַ"ג בָּעֹמֶר, אִיךְ הָאבּ בַּאזוּכְט אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת אִין בְּנֵי בְּרַק, טְבֶרְיָה אוּן יְרוּשָׁלַיִם, אוֹיךְ אִין יְשִׁיבָה, עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין צוּ זֶען ווִי עֶס וַואקְסְט אוֹיף אַ דוֹר אַזוֹי רֵיין אוּן הֵיילִיג, לוֹיט דִי וֶועג וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט עַל פִּי דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

הַלְוַאי וָואלְסְטוּ אוֹיךְ גֶעבְּרֶענְגְט דַיינֶע קִינְדֶער אִין רֶבִּינְ'ס מוֹסְדוֹת, זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט אוּן הֵיילִיג, אַרַיינְגֶעבַּאקְן דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה.

יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת וֶועל אִיךְ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם זַיין אִין שְׁטֶעטְל, מִיר וֶועלְן אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם בַּאנֵייעֶן דֶעם נֵייעֶם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ "הֵיכַל דָוִד", אוּן מוֹצָאֵי יוֹם טוֹב וֶועלְן מִיר טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן אֲשֶׁר בְּנַחַל שָׁם גּוֹרָלֵנוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶוען מֶען פָּארְט מִיט אַ פְלִיגֶער דַארְף מֶען דָאךְ רַחֲמֵי שָׁמַיִם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י״ד אִיָּר, פֶּסַח שֵׁנִי, כ״ח לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער זוּן הָרַב ר׳ ... נֵרוֹ יָאִיר**

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט מַאמִי תִּחְיֶ׳. מִיר זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעפָארְן נֶעכְטְן נַאכְט אוּן אָנְגֶעקוּמֶען מָאנְטָאג נָאכְמִיטָאג, פֶּסַח שֵׁנִי. פוּן עֶירְפָּארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין יְרוּשָׁלַיִם. אוֹיפְן וֶועג הָאבְּן מִיר זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִין הַר הַמְּנוּחוֹת, מִיר זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען מִתְפַּלֵל זַיין בַּיי קִבְרֵי אָבוֹת, בַּיים זֵיידְן הָרַב הַחָסִיד ר׳ יִצְחָק דָוִד פְרִידְמַאן עָלָיו הַשָּׁלוֹם, אוּן דִי בַּאבֶּע רָחֵל פְרִיעֶדְמַאן עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, בַּת הָרַב הֶחָסִיד ר׳ שְׁלֹמֹה גֶפֶן עָלָיו הַשָּׁלוֹם. אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר אוּן דַיין מִשְׁפָּחָה. אוֹיךְ בִּין אִיךְ אַרַיין מִתְפַּלֵל זַיין בַּיים קֶבֶר פוּן הֵיילִיגְן חִידָ״א זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיסְגֶעגָאסְן דָאס הַארְץ אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין יְרוּשָׁלַיִם צוּ אוּנְזֶער שׁוּל דַאוֶונֶען מִנְחָה. עֶרְשְׁט הָאבּ אִיךְ גֶעכַאפְּט אַ טְבִילָה, וֶוען מֶען פָּארְט אִין עֶירְפָּארְט, מֶען פָּארְט מִיט אַ פְלִיגֶער דַארְף מֶען דָאךְ רַחֲמֵי שָׁמַיִם, עֶס אִיז גֶעפֶערְלִיךְ דִי שְׁמִירַת עֵינַיִם, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט זִיךְ בִּיז מֶען טוֹבֵלְ׳ט זִיךְ.

מַיין לִיבֶּער זוּן, גֵיי יֶעדְן טָאג זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, גֵיי צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער אוּן גְרָאז אוּן שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, דָאס שְׁרֵייעֶן דַארְף נִישְׁט זַיין בְּקוֹל, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן טז), מֶען קֶען שְׁרֵייעֶן שְׁטִילֶערְהֵייט.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אָפְּגֶעמַאטֶערְט פוּן דִי וֶועג, אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין.

...

## אַ גוּטֶע בּוּנְקֶער וואוּ זִיךְ צוּ אוֹיסְבַּאהַאלְטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ח אִיָּר, מ״ג לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר קוּמֶען שׁוֹין נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה. בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת גֶעוֶוען אֵיינֶע פוּן דִי דְרֵיי צַייטְן וָואס מֶען אִיז זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען בַּיים רֶבִּי'ן. מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, דָאס אִיז נִישְׁט דַוְקָא אִין אוּמַאן, דָאס אִיז וואוּ עֶס קוּמֶען זִיךְ צַאם אַ מִנְיָן בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים וָואס גְלֵייבְּן אִין רֶבִּי'ן אוּן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, אִיז דָארְט מְסוּגָל צוּ זַיין כְּדֵי צוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט פוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ אוּן צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אָנְהוֹיבְּן צוּרִיק לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דָאס וֶועט דִיךְ בַּאשִׁיצְן פוּן אַלֶע צָרוֹת, דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ גוּטֶע בּוּנְקֶער וואוּ זִיךְ צוּ אוֹיסְבַּאהַאלְטְן. עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע פְּלַאץ וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן וֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה - ווִי צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק ו): "אִם רָאִיתָ שֶׁהַיִּסּוּרִין מְמַשְׁמְשִׁין וּבָאוֹת עָלֶיךָ, רוּץ לְחַדְרֵי דִּבְרֵי תּוֹרָה, וּמִיָּד הַיִּסּוּרִין בּוֹרְחִין מִמְּךָ", אוֹיבּ דוּ זֶעסְט אַז עֶס קוּמֶען אוֹיף דִיר צָרוֹת אוּן יְסוּרִים, אַנְטְלוֹיף צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועסְטוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט.

וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן פוּן לֵצִים אוּן מִתְנַגְדִים וָואס שְׁפֶּעטְן פוּן רֶבִּי'ן אוּן פוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט אַז אַזוֹי וֶועט זַיין, מֶען וֶועט לַאכְן, מֶען וֶועט שְׁפֶּעטְן, מֶען וֶועט אַוֶועק מַאכְן, אוּן נָאר אַזוֹי הָאט זַיין הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה גֶעקֶענְט אַרָאפְּקוּמֶען. עֶנְטְפֶער נִישְׁט קֵיינֶעם, טַעֲנָה נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, זִיכֶער נִישְׁט מִיט עֶלְטֶערְן; וָואס קֶען מֶען טוּן אַז דִי לָשׁוֹן הָרָע וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען אוּן עֶלְטֶערְן הָאבְּן שְׁרֶעק וֶוען זֵיי הֶערְן אַז זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, זֵיי מֵיינֶען אַז דָאס אִיז מְשׁוּגָעִים וְכוּ׳ וְכוּ׳.

בַּאהַאלְט זִיךְ אִין דִי תּוֹרָה, נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאג אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אַ בְּלַאט גְמָרָא נָאךְ אַ בְּלַאט גְמָרָא, אוּן שְׁפְּרִינְג אַרִיבֶּער דַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, שְׁפְּרִינְג אַרוֹיס פוּן בֶּעט, קוּם אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת מִיט מִנְיָן.

דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת װעל אִיךְ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין שְׁטֶעטְל, מִיר װעלְן מַאכְן דִי חֲנֻכַּת הַבַּיִת פַּארְן נֵייעֶם גְרוֹיסְן שׁוּל. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָה כז.) וָואס מֵיינְט אַ גְרוֹיסֶע הוֹיז? "מָקוֹם שֶׁמְּגַדְּלִין בּוֹ תּוֹרָה, וּמָקוֹם שֶׁמְּגַדְּלִין בּוֹ תְּפִלָּה", אַ פְּלַאץ וואו מֶען װעט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען. אוּן מוֹצָאֵי יוֹם טוֹב װעלְן מִיר טַאנְצְן אִינְאֵיינֶעם, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מִיר זֶענֶען נִישְׁט פַארְלוֹירְן, מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס גֵייט פַאר אוּנְז, מִיר דַארְפְן נִישְׁט זָארְגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי סוֹף פוּן דְרָאגְס אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת אֱמוֹר, ט"ו אִיָּר, כ"ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ בִּין אִין מִירוֹן בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר, פַאר דַיין גֶעזוּנְט אוּן פַאר דַיין שִׁידוּךְ.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט נִישְׁט נֶעמֶען דְרָאגְס, עֶס אִיז נִישְׁט גוּט, אַחֲרִיתָהּ מָרָה כַלַּעֲנָה, דִי סוֹף אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער. אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז דוּ נֶעמְסְט דָאס נָאר וַוייל דוּ ווִילְסְט אַװעק לוֹיפְן פוּן דַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען; לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אַז מֶען ווִיל אַװעק לוֹיפְן פוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען דַארְף מֶען לוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת, לֶערְן יֶעדְן טָאג כַּמָּה פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל אוֹיבּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען, "הָעִקָּר הוּא הָאֲמִירָה", דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי װערְטֶער, דִי מִשְׁנָיוֹת װעט דִיךְ אוֹיסְרַואשְׁן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס. דִי תּוֹרָה אִיז דְרָאגְס, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֵירוּבִין נד.), דִי תּוֹרָה אִיז סַם חַיִּים, אַ דְרָאג וָואס גֶעבְּט לֶעבְּן.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר בַּיי דִי מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים, דוּ זָאלְסְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן הָאבְּן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

...

## אַוֶועקְשְׁטֶעלְן דִי שְׁטוּבּ רִיכְטִיג נָאךְ דִי חֲתוּנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט״ו אִיָּיר, כ״ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**צוּ מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס אִיז בַּיי דִיר גוּט, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דִיר, אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען רֶעדְן פוּן צַייט צוּ צַייט, עֶס אִיז וִויכְטִיג צוּ זַיין מְקוּשָׁר, בִּפְרַט אִינְגֶעלַייט אִין דִי עֶרְשְׁטֶע יָארְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה וֶוען מֶען שְׁטֶעלְט אַוֶועק דִי שְׁטוּבּ, אִיז גָאר וִויכְטִיג צוּ זַיין מְקוּשָׁר וְכוּ׳.

אִיךְ בִּין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ בִּין גֶעפָארְן מִתְפַּלֵל זַיין בַּיי דִי צַדִיקִים אוּן אוֹיךְ מְחַזֵק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּן אַוֶועק שְׁטֶעלְן אַ קֶרֶן פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת וָואס פִירְט זִיךְ עַל טָהֳרַת הַקוֹדֶשׁ, אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה.

שְׁטַארְק זִיךְ, גֵיי הֲפָצָה, טוּ יֶעדְן טָאג עֶפֶּעס פַאר דִי גְאוּלָה, טוּ יֶעדְן טָאג עֶפֶּעס פַאר נָאךְ אַ אִידְן, אִים צוּ מְזַכֶּה זַיין מִיט דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי״ן. מֶען קֶען זִיךְ הַאלְטְן אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ נָאר אַז מֶען טוּט פַאר אַנְדֶערֶע, אַז נִישְׁט וֶוערְט מֶען אַלְט אוּן קַאלְט חַס וְשָׁלוֹם.

...

## אַרַיינְקוּקְן יֶעדְן טָאג אִין דִי הֵיילִיגֶע בְּרִיוו פוּן אֲשֶׁר בַּנַחַל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט״ו אִיָּיר, כ״ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**צוּ מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ בִּין גֶעפָארְן מִתְפַּלֵל זַיין בַּיי דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, קְדוֹשִׁים אֲשֶׁר בְּאֶרֶץ הֵמָּה, אוּן אוֹיךְ צוּ מְחַזֵק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ

תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, און אַוֶועק צו שְׁטֶעלְן אַ פָּאנְד פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת וָואס פִירְן זִיךְ עַל טָהֳרַת הַקוֹדֶשׁ. אִיךְ דַאוֶּוען פַאר דִיר און פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה.

כָּל זְמַן מִיר זֶענֶען דָא אוֹיף דִי וֶועלְט וֶועלְן מִיר נִישְׁט וִויסְן און נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין ווִי גְרוֹיס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז און דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין כֹּחַ. אוֹיבְן אִין הִימְל וֶועלְן מִיר זֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט, און דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי וָואס זֶענֶען צוּגֶעבִּינְדְן צוּ אִים און פָאלְגְן אִים, דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שיד וּבְהַשְׁמָטוֹת שָׁם), גְרוֹיסֶע צַדִיקִים זֶענֶען מְקַנֵא וְכוּ'.

מִיר דַארְפְן לֶערְנֶען זַיינֶע תּוֹרוֹת און שִׂיחוֹת, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אַרַיינְצוּקוּקְן יֶעדְן טָאג אִין דִי הֵיילִיגֶע בְּרִיוו פוּן אֲשֶׁר בַּנַחַל וָואס אִיז צַאמְגֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס שֵׂכֶל פַאר אוּנְזֶערֶע מֹחוֹת אוֹיף לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה.

...

### פַארְוָואס שְׁפִּירְט מֶען נִישְׁט קַיין טַעַם אִין קוּמֶען אִין שׁוּל?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת אֱמוֹר, ט"ו אִיָיר, כ"ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**צוּ מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאסְט מִיר גֶעזָאגְט אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין שׁוּם טַעַם אִין קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶונֶען, דָאס אִיז פַאר דִיר אַ בִּיטֶערֶע טַעַם. אוֹיךְ הָאסְטוּ מֶער נִישְׁט קַיין טַעַם אִין לֶערְנֶען, דַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע טַעַם אִיז צוּ פַארְטִיעֶן מִיט פְרֵיינְד, צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט חֲבֵרִים.

טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, אֶפְשָׁר הָאט דָאס פַּאסִירְט פוּן קוּקְן עֲבֵירוֹת, קוּקְן שְׁמוּצִיגֶע מַאווִיס פוּן נִיאוּף, און נָאכְדֶעם פּוֹגֵם זַיין אִין דִי בִּיטֶערֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן; וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן נ): "מִי שֶׁפּוֹגֵם בִּבְרִית", וֶוער עֶס אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, "אֵינוֹ יָכוֹל לְהִתְפַּלֵּל", קֶען מֶער נִישְׁט דַאוֶונֶען; מֶען שְׁפִּירְט אַ בִּיטֶערֶע זוֹיעֶרֶע טַעַם, מֶען ווִיל נָאר אַרוֹיסְלוֹיפְן פוּן שׁוּל וְכוּ', נָאכְדֶעם וֶוערְט מֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן און דֶעפְּרֶעסְט, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אִיךְ בֶּעט דִיר טַייעֶרער ..., אַז דוּ וֶועסְט פְּרוּבִירְן מְתַקֵּן זַיין אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, וֶועסְט מֶער נִישְׁט קוּקְן קַיין מָאוִויס, וֶועסְט אוֹיסְמֶעקְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מָאוִויס אוּן זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ], אוּן צוּרִיק אָנְהוֹיבְן דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת - וֶועסְטוּ צוּבִיסְלִיךְ אָנְהוֹיבְן צוּרִיק שְׁפִּירְן אַ נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַ טַעַם אִין לֶעבְּן.

טַייעֶרער ..., אִיךְ וֵייס אַז עֶס אִיז דִיר זֵייעֶר בִּיטֶער, דוּ דַארְפְסְט אַ שִׁידוּךְ, דוּ ווִילְסְט נִישְׁט זַיין אַ פְּלַג גוּף, דוּ ווִילְסְט חֲתוּנָּה הָאבְּן, בִּיסְט מְיוּאָשׁ, בִּיסְט צֶעבְּרָאכְן פוּן זַיין אַ בָּחוּר אֵיינֶער אַלֵיין.

ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט טוּן דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן פוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, זוּךְ דִיר אַ פְּלַאץ, אַ שְׁטִילֶע לֵיידִיגֶע פְּלַאץ, דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְצֵייל אִים ווִי בִּיטֶער, פִינְסְטֶער אוּן טוּנְקְל עֶס אִיז דִיר, ווִי צֶעבְּרָאכְן אוּן אוֹיפְגֶעגֶעבְּן דוּ בִּיסְט, אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין שׁוּם טַעַם אִין דַאוֶוענֶען אוּן אִין לֶערְנֶען. ווֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן אַ שִׁידוּךְ, אוּן בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן תְּשׁוּבָה טוּן.

טַייעֶרער ..., מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, עֶס אִיז דָא אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער מַלְאָךְ וָואס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט נָאר אוֹיף דֶעם, צַאמֶענְעמֶען דִי תְּפִילּוֹת פוּן בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, וָואס בֶּאֱמֶת ווִילְן זֵיי זַיין גוּט, אָבֶּער זֵיי פַאלְן אַלְץ צוּרִיק אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית. וֶוען זֵיי קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי קְרֶעכְצְן זִיךְ אוֹיס, זֵיי לָאזְן אַפָּאר הֵייסֶע טְרֶערְן, זֵיי שְׁרֵייעֶן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל נִישְׁט טוּן עֲבֵירוֹת, אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווִיל נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין, אִיךְ ווִיל בֶּאֱמֶת זַיין גוּט, אוּן אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן אַז אִיךְ הַאלְט בַּיי גָארְנִישְׁט, עֶס זֶעט אוֹיס ווִי אִיךְ בִּין אַ בַּעַל עֲבֵירָה, זָאלְסְטוּ ווִיסְן אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶכְט עֶכְט ווִיל אִיךְ זַיין גוּט, אִיךְ הָאבּ נָאר נִישְׁט דִי כֹּחוֹת צוּ הַאלְטְן מַיינֶע קַבָּלוֹת טוֹבוֹת. אֵייבֶּערְשְׁטֶער דוּ קוּקְסְט אַרַיין אִין הַארְץ, אַתָּה חוֹפֵשׂ כָּל חַדְרֵי בָטֶן וּבוֹחֵן כְּלָיוֹת וָלֵב, אֵין דָּבָר נֶעְלָם מִמְּךָ, גָארְנִישְׁט אִיז פוּן דִיר פַארְהוֹילְן, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, קוּק אַרַיין טִיף אִין מַיין הַארְץ וֶועסְטוּ זֶען אַז אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

טַייעֶרער ..., קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס פַּאסִירְט אִין הִימְל מִיט דִי תְּפִילוֹת, מֶען שָׁאקְלְט אוֹיף אַלֶע וֶועלְטְן, אַלֶע מְקַטְרְגִים אַנְטְלוֹיפְן, אוּן אַלֶע קְלִיפּוֹת וְרוּחוֹת רָעוֹת וָואס זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - וֶוערְן צֶעהַאקְט, זֵיי וֶוערְן בָּטֵל וּמְבוּטָל.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, נֶעם אָן מַיינֶע וֶוערְטֶער, וַוארְף אַוֶועק דִי שְׁמִיץ, הוֹיבּ צוּרִיק אָן לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אִין מִשְׁנַיוֹת, גְּמָרָא.

אִיךְ בֶּעט דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַאר דִיר דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה אוּן צוּ אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

...

## אַרַיינְטַאנְצְן אִין קוֹיפְן אַ דִירָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט"ו אִיָּיר, כ"ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז אַ שָׁאד אַז דוּ קוֹיפְסְט נִישְׁט אַן אֵייגֶענֶע דִירָה, אַ שָׁאד צוּ צָאלְן אַזוֹיפִיל יָארְן רֶענְט, וֶוען פַאר דִי זֶעלְבֶּע גֶעלְט קֶענְסְטוּ בַּאצָאלְן אַ מָארְטְגִידְזְשׁ אוּן הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶע דִירָה, וַוייל וָואס טוּסְטוּ אַז דֶער בַּעַל הַבַּיִת פוּן דִי דִירָה מַאכְט אָפּ אַז עֶר דַארְף דִי דִירָה פַאר זִיךְ אוּן דוּ בְּלַייבְּסְט אָן אַ דַאךְ אִיבֶּערְן קָאפּ? (בִּפְרַט אַז דוּ הָאסְט אַפָּאר דָאלֶער אַוֶועק גֶעלֵייגְט פַאר אַ דִירָה).

עֶס קֶען אוֹיסְזֶען אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ וואוּ מֶען רֶעדְט נָאר דִיבּוּרֵי תַּכְלִית, מֶען רֶעדְט פוּן עָלְמָא דְּאָתֵי, מֶען רֶעדְט פוּן תּוֹרָה וּתְפִלָּה, זָאל מֶען זָאגְן 'קוֹיף אַ דִירָה', אָבֶּער אִיךְ קֶען דִיר זָאגְן וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶועְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, מֶען זָאל יָא אַרַיינְטַאנְצְן אִין קוֹיפְן אַ דִירָה, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטוּפְּן אִינְגֶעלַייט צוּ קוֹיפְן, אוּן וואוֹינֶען אִין אֵייגֶענֶע ד' אַמּוֹת אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ.

אוֹיךְ קוּמְט יֶעצְט דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ, זָאלְסְטוּ

אָנְהוֹיבְּן צוּרִיק צוּ לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה רַבָּה מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, הֲלָכָה וְאַגָּדָה, וֶועסְטוּ זִיךְ בּוֹיעֶן אַן אֵייבִּיגֶע פַּארְמֶעגְן.

גֵיי יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן, אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דִיר זַיין גוּט בָּזֶה וּבַבָּא.

...

## גֶעבְּן פַּאר שַׁדְכָנוּת, צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט״ו אִיָּר, כ״ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָּל טוֹב, מַזָּל טוֹב, אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז דוּ בִּיסְט אַ חָתָן גֶעוָוארְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דִי שִׁידוּךְ זָאל זַיין אַ קֶשֶׁר שֶׁל קַיָּימָא, זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ בּוֹיעֶן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל מִיט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַּאר שַׁדְכָנוּת, אִיךְ דַארְף עֶפֶּעס מֶער פוּן גֶעלְט, אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט מִיר גֶעבְּן פַּאר שַׁדְכָנוּת - זָאלְסְט מִיר זָאגְן אַז דוּ גֵייסְט הָאבְּן אַ רֵיינֶע שְׁטוּבּ, נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ דִי סמ׳טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט, קָאמְפְּיוּטֶער וְכַדוֹמֶה, אוּן אַז דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן דִי כֵּלִים פַּאר פַּרְנָסָה זָאלְסְטוּ דָאס הַאלְטְן עֶרְגֶעץ וואוּ, אָבֶּער נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ. מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט, אַזוֹיפִיל שְׁטִיבֶּער זֶענֶען צוּגְרִינְד גֶעגַאנְגֶען צוּלִיבּ אַהֵיים בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ דִי כֵּלִים וָואס הָאט אִינְטֶערְנֶעט אוּן מָאוִויס וְכַדוֹמֶה, רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אוֹיךְ דַיין כַּלָּה וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן פַּאר דֶעם, דוּ בַּאקוּמְסְט אַן עֶרְלִיכֶע אָפְּגֶעהִיטֶענֶע אֵיידֶעלֶע קְלוּגֶע ווַייבּ, דַיין כַּלָּה הָאט אַ שְׁטַארְקֶע תְּמִימוּת אוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, זִי וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן פַּאר דִי זַאךְ פַּאר שַׁדְכָנוּת.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ הֶערְן פוּן דִיר.

אִיךְ בִּין אִין מִירוֹן, אִיךְ בֶּעט פַּאר דִיר.

...

## דִי הֶערְלִיכֶע מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת אֱמוֹר, ט״ו אִיָּיר, כ״ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זַיין לַ״ג בָּעֹמֶר אִין מִירוֹן בַּיי הַתַּנָּא אֱלֹקִי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, אִיךְ בֶּעט אוֹיךְ פַאר דִיר אוּן דַיין מִשְׁפָּחָה.

אִיךְ שְׁרַייב דִיר יֶעצְט שְׁפֶּעט אוֹיפְדֶערְנַאכְט, נָאכְן זַיין אוֹיף אַפָּאר טֶעג מִיט גָאר וֵויינִיג שְׁלָאף, וַוייל דוּ הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט נָאכְן לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְן גֶעבְן חוֹדֶשׁ׳לִיךְ זֶעקְס טוֹיזְנְט שֶׁקֶל פַאר דִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל׳דִיגֶע מוֹסְדוֹת.

ווִיל אִיךְ דִיר זָאגְן, אִיךְ בִּין הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי גֶעוֶועְן אִין בְּנֵי בְּרַק אִין חֵדֶר אוּן אִין בֵּית פֵיגָא, אִיךְ בִּין אָן אַ לָשׁוֹן, אִיךְ וֵויס נִישְׁט ווִי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּבְרֶענְגֶען מַיינֶע גֶעפִילְן, אַבִּיסְל וֶועל אִיךְ פְּרוּבִירְן צוּ דֶערְצֵיילְן. סֵיי דִי חֵדֶר, סֵיי דִי סְקוּל פִירְט זִיךְ זֵייעֶר שֵׁיין, דִי קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, אַלֶע שְׁמֵייכְלֶען, אַלֶע זָאגְן מִיר פֶּה אֶחָד אַז זֵיי הָאבְן לִיבּ צוּ קוּמֶען לֶערְנֶען, זֵיי הָאבְן אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ זֵייעֶרֶע רֶבִּי׳ס אוּן לֶערֶערִינְס, אוּן דִי חִידוּשׁ אִיז אַז דָאס אִיז גֶעקְנִיפְּט אוּן גֶעבִּינְדְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע דִיסְצִיפְּלִין, מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ וְיִרְאַת הַכָּבוֹד פַאר זֵייעֶרֶע רֶבִּי׳ס אוּן לֶערֶערִינְס. אַלֶע דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן ווִי זֵיי זֶענֶען גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן.

דַיין זְכוּת אִיז גְרוֹיס, אִיךְ דַאוֶועְן פַאר דַיין הַצְלָחָה.

...

## נֶעמְט נִישְׁט אָן דִי לָשׁוֹן הָרָע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת אֱמוֹר, ט״ו אִיָּיר, כ״ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי צוּ הֶערְן אַז בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָּה זֶענֶען דָא

פְּרוּוִוען וָואס בַּארֶעדְן אַייךְ אוּן אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר; ווִי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ, אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אִין רֶבִּינְ׳ס חֶדֶר זָאל מֶען בַּארֶעדְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן... נִישְׁט דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי ווִילְן פוּן מוֹהֲרָא״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז אִין אוּנְזֶערֶע ד׳ אַמּוֹת זָאל מֶען רֶעדְן לָשׁוֹן הָרָע, רְכִילוּת וְכוּ׳, הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אִיר בֶּעט אַן עֵצָה אוּן חִיזוּק, דוּ בֶּעסְטֶע עֵצָה אוּן חִיזוּק אִיז, אִיר זָאלְט יֶעדְן דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אִיר זָאלְט נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין דִי לָשׁוֹן הָרָע, אוּן וֶוען מֶען קוּמְט אַייךְ דֶערְצֵיילְן אַז דֶער רֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע אוּן דֶער זָאגְט דָאס אוּן יֶענְק, זָאלְט אִיר דָאס נִישְׁט אָנְנֶעמֶען, אִיר זָאלְט זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דִי וָואס בְּרֶענְגֶען אוּן טְרָאגְן, אוּן דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייעֶר טֵייעֶרֶער מַאן אוּן אַייעֶרֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אוּן פַאר אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט שְׁטֶענְדִיג מִיט עֶנְק.

בַּיי מִיר זֶענֶען עֶנְק בֵּיידֶע זֵייעֶר טֵייעֶר, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַזֶעלְכֶע טֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים ווִי עֶנְק זֶענֶען.

נָאכְאַמָאל, אִיךְ בֶּעט אַייךְ לְמַעַן הַשֵּׁם, נֶעמְט נִישְׁט אָן דִי לָשׁוֹן הָרָע, אִיךְ הָאבּ דָאס כְּסֵדֶר, שְׁלֶעכְטֶע מַלְאָכִים קוּמֶען מִיר אוֹיפְהֶעצְן, דֶער רֶעדְט אוֹיף דִיר, דֶער קְרִיגְט אוֹיף דִיר, אוּן אִיךְ בִּין דָאס נִישְׁט מְקַבֵּל, אִיךְ בִּין זֵיי דַן לְכַף זְכוּת.

...

## לֶערְנֶען מִיט דִי בָּחוּרִים צוּ זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט״ו אִיָּר, כ״ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, בָּארָא פַּארְק**

עֶס אִיז שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, אִיךְ בִּין זֵייעֶר אָפְּגֶעמַאטֶערְט פוּן מַיין נְסִיעָה קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ בִּין נָאךְ כִּמְעַט נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן פוּן שַׁבָּת, דָאךְ שְׁפִּיר אִיךְ אַז אִיךְ מוּז דִיר שְׁרַייבְּן פוּן אוּנְזֶער יְשִׁיבָה אִין יְרוּשָׁלַיִם.

אִיךְ בִּין הַיינְט גֶעוֶוען מִיט דִי בָּחוּרִים, פַארְבְּרֶענְגְט מִיט זֵיי, זִיךְ מֶער בַּאקַאנְט גֶעמַאכְט - אִינְאֵיינֶעם מִיט זֵייעֶר מַגִּיד שִׁיעוּר ר׳ מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל נֵרוֹ

יָאִיר, אִיךְ וִויל דִיר זָאגְן, דִי יְשִׁיבָה אִיז שֶׁענֶער וִוי אוּנְזֶער יְשִׁיבָה אִין אַמֶערִיקֶע, דִי בָּחוּרִים זֶענֶען אֵיידְל, אֵיינְס בַּיי אֵיינְס, פִּיל מִיט גוּטֶע מִידוֹת אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִיל צוּם מַגִיד שִׁיעוּר, זֵיי הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן פָּאלְגְן.

אִיךְ הַאלְט עֶס אִיז גוּט דוּ זָאלְסְט מִיט אִים רֶעדְן, בִּבְחִינַת וּמְקַבְּלִין דֵין מִן דֵין, דוּ קֶענְסְט פוּן אִים הֶערְן וִוי, וֶוען אוּן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן מִיט דַיינֶע תַּלְמִידִים, אוּן אוֹיךְ עֶר קֶען פוּן דִיר הֶערְן, אוּן אַז מֶען וֶועט אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם קֶען מֶען זֵייעֶר פִיל אוֹיפְטוּן, מֶען קֶען אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ הֵיילִיגֶע מִילִיטֶער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פַאר דִי תּוֹרָה, דוּרְךְ לֶערְנֶען מִיט דִי בָּחוּרִים ׳לְכַתְּחִילָה אַרִיבֶּער׳, זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי זִיסֶע הָאנִיג׳דִיגֶע סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אָן פַארְשְׁטֵיין, אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, קְדוּשַׁת הַבְּרִית אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס לִיבְּט דִיךְ.

...

## בֶּעטְן אוּן נָאכְאַמָאל בֶּעטְן צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ט אִיָּר, מ״ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז אַ טָאג וָואס מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן פַאר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, דֶער הֵיילִיגְן צַדִיק דֶער שְׁלָ״ה הַקָּדוֹשׁ זָאגְט: ״לִבִּי אוֹמֵר לִי״, מַיין הַארְץ זָאגְט מִיר אַז עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן אִיז אַ גוּטֶע צַייט צוּ זָאגְן דִי תְּפִלָּה, צוּ בֶּעטְן אוֹיף קִינְדֶער.

מִיר הָאבְּן אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה אִין טְבֶרְיָ׳ עַל טָהֳרַת הַקּוֹדֶשׁ, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם מְלַמֵד זָאל גֵיין מִיט דִי קִינְדֶער מִתְפַּלֵל זַיין בַּיים צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן שְׁלָ״ה אוּן בֶּעטְן פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים וְתַלְמִידוֹת פוּן אוּנְזֶער מוֹסָד, סֵיי פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן סֵיי פוּן חוּץ לָאָרֶץ.

מֶען דַארְף יֶעדְן טָאג בֶּעטְן פַאר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, נִישְׁטָא קַיין עֵצָה, נִישְׁטָא קַיין אִינְשׁוּרֶענְס אַז מֶען וֶועט הָאבְּן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, נָאר תְּפִלָּה אִיז דִי עֵצָה; בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן אוּן נָאכְאַמָאל בֶּעטְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ אוּן אוּר אֵיינִיקְלֶעךְ זָאלְן גֵיין מִיט דִי תּוֹרָה, מִיט דִי צַדִּיקִים.

לָאז זִיךְ נִישְׁט פַּארְנַארְן מִיט דִי וָואס רֶעדְן לְשׁוֹנוֹת פוּן קַבָּלָה, דִי וָואס רֶעדְן לְשׁוֹנוֹת פוּן קַבָּלָה דִי זֶענֶען בְּדֶרֶךְ כְּלַל פָּאפֶּערְס אוּן שְׁווִינְדְלֶערְס הַשֵּׁם יְרַחֵם, זוּךְ אַ פְּלַאץ וואו מֶען רֶעדְט פַּשְׁטוּת אִידִישְׁקֵייט, פוּן לֶערְנֶען, דַאוֶּוענֶען אוּן טוּן מִצְוֹת מִיט שִׂמְחָה, אַ פְּלַאץ וואו מֶען רֶעדְט פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַזַא פְּלַאץ, בַּיי מוֹהֲרָא״שׁ. מִיר הָאט אַזוֹי בַּאנוּמֶען מַיין הַארְץ דִי פָּשׁוּטְ׳עֶ דִיבּוּרִים וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיט אוּנְז גֶערֶעדְט, פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט יֶעדֶע מִצְוָה, פוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף טַאטֶע מַאמֶע, אוֹיף זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צֶעבְּרֶעכְן פוּן גָארְנִישְׁט אוּן פוּן קֵיינֶעם.

דֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת וֶועל אִיךְ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם זַיין אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, מִיר וֶועלְן אִינְדֶערְפְרִי נָאכְן דַאוֶּוענֶען הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע אִיבֶּערַאשׁוּנְג פוּן קִינְדֶער, בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס וֶועלְן אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיפְן בִּימָה מַאכְן זֵייעֶרֶע סִיּוּמִים, אַשְׁרֵי עַיִן רָאֲתָה זֹאת.

אִיךְ שִׁיק דִיר דָא דִי תְּפִלָּה, זָאלְסְט דָאס זָאגְן מִיט הֵייסֶע טְרֶערְן, אוֹיךְ דַיין וַוייבּ זָאל דָאס זָאגְן מִיט הֵייסֶע טְרֶערְן.

"אַתָּה הוּא יְיָ אֱלֹהֵינוּ עַד שֶׁלֹּא בָרָאתָ הָעוֹלָם, וְאַתָּה הוּא אֱלֹהֵינוּ מִשֶּׁבָּרָאתָ הָעוֹלָם, וּמֵעוֹלָם וְעַד עוֹלָם אַתָּה אֵל, וּבָרָאתָ עוֹלָמְךָ בִּגְּין לְאִשְׁתְּמוֹדַע אֱלָהוּתָךְ בְּאֶמְצָעוּת תּוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, בְּרֵאשִׁית - בִּשְׁבִיל תּוֹרָה וּבִשְׁבִיל יִשְׂרָאֵל, כִּי הֵם עַמְּךָ וְנַחֲלָתְךָ אֲשֶׁר בָּחַרְתָּ בָּהֶם מִכָּל הָאֻמּוֹת, וְנָתַתָּ לָהֶם תּוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה, וְקֵרַבְתָּם לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל. וְעַל קִיּוּם הָעוֹלָם וְעַל קִיּוּם הַתּוֹרָה בָּאוּ לָנוּ מִמְּךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ שְׁנֵי צִוּוּיִים: כָּתַבְתָּ בְּתוֹרָתְךָ פְּרוּ וּרְבוּ, וְכָתַבְתָּ בְּתוֹרָתְךָ וְלִמַּדְתֶּם אֹתָם אֶת בְּנֵיכֶם, וְהַכַּוָּנָה בִשְׁתֵּיהֶן אֶחָת, כִּי לֹא לְתֹהוּ בְרָאתָ כִּי אִם לָשֶׁבֶת, וְלִכְבוֹדְךָ בָּרָאתָ יָצַרְתָּ אַף עָשִׂיתָ, כְּדֵי שֶׁנִּהְיֶה אֲנַחְנוּ וְצֶאֱצָאֵינוּ וְצֶאֱצָאֵי כָל עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל יוֹדְעֵי שְׁמֶךָ וְלוֹמְדֵי תוֹרָתֶךָ.

וּבְכֵן אָבוֹא אֵלֶיךָ יְיָ מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים, וְאַפִּיל תְּחִנָּתִי, וְעֵינַי לְךָ תְּלוּיוֹת עַד שֶׁתְּחָנֵּנִי וְתִשְׁמַע תְּפִלָּתִי לְהַזְמִין לִי בָּנִים וּבָנוֹת, וְגַם הֵם יִפְרוּ וְיִרְבּוּ הֵם וּבְנֵיהֶם וּבְנֵי בְנֵיהֶם עַד סוֹף כָּל הַדּוֹרוֹת לְתַכְלִית שֶׁהֵם וַאֲנִי כֻּלָּנוּ יַעַסְקוּ בְּתוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה לִלְמֹד וּלְלַמֵּד לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת וּלְקַיֵּם אֶת כָּל דִּבְרֵי תַלְמוּד תּוֹרָתְךָ בְּאַהֲבָה, וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶךָ וְדַבֵּק לִבֵּנוּ בְּמִצְוֹתֶיךָ לְאַהֲבָה וּלְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ.

אָבִינוּ אָב הָרַחֲמָן, תֵּן לְכֻלָּנוּ חַיִּים אֲרוּכִים וּבְרוּכִים, מִי כָמוֹךָ אַב הָרַחֲמִים זוֹכֵר יְצוּרָיו לְחַיִּים בְּרַחֲמִים, זָכְרֵנוּ לְחַיִּים נִצְחִיִּים, כְּמוֹ שֶׁהִתְפַּלֵּל אַבְרָהָם אָבִינוּ לוּ יִחְיֶה לְפָנֶיךָ, וּפֵרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, בְּיִרְאָתֶךָ. כִּי עַל כֵּן בָּאתִי לְבַקֵּשׁ וּלְחַנֵּן מִלְּפָנֶיךָ שֶׁיְּהֵא זַרְעִי וְזֶרַע זַרְעִי עַד עוֹלָם זֶרַע כָּשֵׁר, וְאַל יִמָּצֵא בִי וּבְזַרְעִי וּבְזֶרַע זַרְעִי עַד עוֹלָם שׁוּם פְּסוּל וָשֶׁמֶץ, אַךְ שָׁלוֹם וֶאֱמֶת וְטוֹב וְיָשָׁר בְּעֵינֵי אֱלֹהִים וּבְעֵינֵי אָדָם, וְיִהְיוּ בַּעֲלֵי תוֹרָה, מָארֵי מִקְרָא, מָארֵי מִשְׁנָה, מָארֵי תַלְמוּד, מָארֵי רָזָא, מָארֵי מִצְוָה, מָארֵי גוֹמְלֵי חֲסָדִים, מָארֵי מִדּוֹת תְּרוּמִיּוֹת, וְיַעַבְדוּךָ בְּאַהֲבָה וּבְיִרְאָה פְּנִימִית, לֹא יִרְאָה חִיצוֹנִית, וְתֵן לְכָל גְּוִיָּה וּגְוִיָּה מֵהֶם דֵּי מַחְסוֹרָהּ בְּכָבוֹד, וְתֵן לָהֶם בְּרִיאוּת וְכָבוֹד וָכֹחַ, וְתֵן לָהֶם קוֹמָה וְיֹפִי וְחֵן וָחֶסֶד, וְיִהְיֶה אַהֲבָה וְאַחֲוָה וְשָׁלוֹם בֵּינֵיהֶם, וְתַזְמִין לָהֶם זִוּוּגִים הֲגוּנִים מִזֶּרַע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים מִזֶּרַע צַדִּיקִים, וְגַם זִוּוּגָם יִהְיוּ כְּמוֹתָם כְּכָל אֲשֶׁר הִתְפַּלַּלְתִּי עֲלֵיהֶם, כִּי זִכָּרוֹן אֶחָד עוֹלֶה לְכָאן וּלְכָאן.

אַתָּה יְיָ יוֹדֵעַ כָּל תַּעֲלוּמוֹת, וּלְפָנֶיךָ נִגְלוּ מַצְפּוּנֵי לִבִּי, כִּי כַוָּנָתִי בְּכָל אֵלֶּה לְמַעַן שִׁמְךָ הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ וּלְמַעַן תּוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה, עַל כֵּן עֲנֵנִי יְיָ עֲנֵנִי בַּעֲבוּר הָאָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב, וּבִגְלָלָם תּוֹשִׁיעַ בָּנִים לִהְיוֹת הָעֲנָפִים דּוֹמִים לְשָׁרְשָׁם, וּבַעֲבוּר דָּוִד עַבְדֶּךָ רֶגֶל רְבִיעִי בַּמֶּרְכָּבָה, הַמְשׁוֹרֵר בְּרוּחַ קָדְשֶׁךָ.

שִׁיר הַמַּעֲלוֹת, אַשְׁרֵי כָּל יְרֵא יְיָ הַהֹלֵךְ בִּדְרָכָיו: יְגִיעַ כַּפֶּיךָ כִּי תֹאכֵל אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ: אֶשְׁתְּךָ כְּגֶפֶן פֹּרִיָּה בְּיַרְכְּתֵי בֵיתֶךָ, בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ: הִנֵּה כִי כֵן יְבֹרַךְ גָּבֶר יְרֵא יְיָ: יְבָרֶכְךָ יְיָ מִצִּיּוֹן, וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָיִם, כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ: וּרְאֵה בָנִים לְבָנֶיךָ, שָׁלוֹם עַל יִשְׂרָאֵל.

אָנָּא יְיָ שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה, יְקֻיַּם בָּנוּ הַפָּסוּק, וַאֲנִי זֹאת בְּרִיתִי אוֹתָם אָמַר יְיָ, רוּחִי אֲשֶׁר עָלֶיךָ וּדְבָרַי אֲשֶׁר שַׂמְתִּי בְּפִיךָ, לֹא יָמוּשׁוּ מִפִּיךָ וּמִפִּי זַרְעֲךָ וּמִפִּי

זֶרַע זַרְעֲךָ אָמַר יְיָ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ יְיָ צוּרִי וְגֹאֲלִי".

*

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ פְּלֶעשְׁל טְרֶערְן וֶועט אָנְטְרִינְקֶען דִי טְרוּקֶענֶע בֵּיימֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט"ז אִיָיר, ל' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

הַיינְט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין דִי מַעֲרָה אוּן גֶעבֶּעטְן דָארְט פַאר אַייךְ אוּן אַייעֶר מַאן, עֶנְק זָאלְן שׁוֹין גֶעהָאלְפְן וֶוערְן בְּזֶרַע שֶׁל קַיָימָא. אוֹיךְ וֶועל אִיךְ בֶּעטְן פַאר עֶנְק לַ"ג בָּעֹמֶר, וָואס דֶער טָאג אִיז מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער.

אוֹיךְ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן נָאךְ יָארְן וָואס זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער. עֶס שְׁטֵייט, רֶבִּי שִׁמְעוֹן'ס פָאטֶער יוֹחָאִי הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעוָואלְט צֶעטֵיילְן, אוּן דִי מַאמֶע - שָׂרָה - הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִי זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער, אוּן יוֹחָאִי הָאט זִיךְ גֶע'חָלוֹמְ'ט וִוי עֶר שְׁטֵייט נֶעבְּן אַ טְרוּקֶענֶע בּוֹים אוּן עֶס קוּמְט אֵיינֶער אוּן נֶעמְט אַרוֹיס אַ קְרִיגְל פוּן בּוּזֶעם טַאשׁ אוּן טְרִינְקְט אָן דֶעם טְרוּקֶענֶעם בּוֹים אוֹיף וָואס יוֹחָאִי הָאט זִיךְ אָנְגֶעלֵיינְט, אוּן יוֹחָאִי הָאט גֶעזֶען אִין חָלוֹם וִוי דִי בּוֹים הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן זִיסֶע פְּרוּכְט. וֶוען יוֹחָאִי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט דִי חָלוֹם פַאר זַיין וַוייבּ, אוּן אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט פוּן דֶעם חָלוֹם אַז מֶען אִיז אִים מְבַשֵּׂר אַז עֶר גֵייט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער, נָאר אֵיין זַאךְ הָאט עֶר נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען אוּן גֶעוואוּסְט, וָואס עֶס אִיז דִי קְלֵיינֶע קְרִיגְל וַואסֶער וָואס פוּן דֶעם הָאט מֶען אָנְגֶעטְרִינְקֶען דֶעם בּוֹים אוּן פוּן דִי וַואסֶער קוּמֶען קִינְדֶער. אִיז יוֹחָאִי גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין רֶבִּי, רֶבִּי עֲקִיבָא, אוּן אִים דֶערְצֵיילְט דֶעם חָלוֹם אוּן גֶעפְרֶעגְט פְּשַׁט אִינֶעם חָלוֹם, הָאט אִים רֶבִּי עֲקִיבָא גֶעעֶנְטְפֶערְט, דֶער חָלוֹם אִיז אֱמֶת, אוּן דוּ גֵייסְט בְּקָרוֹב

גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַ קִינְד, און דִי קְלֵיינֶע פְלֶעשְׁל וַואסֶער; דָאס אִיז פוּן דַיין וַוייבְ׳ס טְרֶערְן וָואס זִי הָאט גֶעוַויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און מִיט דֶעם אוֹיסְגֶע׳פּוֹעֶלְ׳ט אַזַא קִינְד ווִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן.

דִי מַעֲשֶׂה טוּט שְׁטַארְקְן אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן וָואס וַוארְטְן שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ קֶענֶען הַאלְטְן זֵייעֶר אֵייגְן קִינְד, זַיין אַ מַאמֶע פַאר קִינְדֶער; אַז דִי עֵצָה אִיז אָנְפִילְן אַ פְלֶעשְׁל טְרֶערְן און דָאס וֶועט אָנְטְרִינְקֶען דִי טְרוּקֶענֶע בֵּיימֶער און מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער.

בִּזְכוּת רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי וְכָל הַצַּדִּיקִים וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין נִפְקַד צוּ וֶוערְן בְּזֶרַע שֶׁל קַיָּמָא, עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

...

## נִישְׁט נִיצְן מַיין נָאמֶען וויי צוּ טוּן קֵיינֶעם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת אֱמוֹר, ט״ז אִיָּיר, ל׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו מַמָּשׁ פַארְן אַרוֹיסְפָארְן פוּן אַמֶערִיקֶע קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר וויי גֶעטוּן צוּ הֶערְן אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ וְכוּ׳, און אַז מֶען הָאט דִיךְ מְבַזֶה גֶעוֶוען.

אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט וויי טוּן קֵיינֶעם, און מֶען זָאל נִישְׁט נִיצְן מַיין נָאמֶען וויי צוּ טוּן קֵיינֶעם, מֶען זָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען בַּיי אוּנְזֶערֶע ד׳ אַמּוֹת מִיט דִי וָוארְט ״רֹאשׁ יְשִׁיבָה״; דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעהֵייסְן, רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַהֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַהִין, עֶס זָאל נָאר גֶענִיצְט וֶוערְן אוֹיף וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן ה): ״כְּשֶׁיֵּשׁ רֶבִּי אֲמִתִּי עִם תַּלְמִידִים״, וֶוען דֶער אֱמֶת׳עֶר צַדִּיק לֶערְנְט מִיט תַּלְמִידִים, ״עַל יְדֵי זֶה״, דוּרְכְדֶעם, ״נִתְקַבֵּץ וְנִתְלַקֵּט חֶלְקֵי הָאֱמוּנָה״, קוּמְט אַרָאפּ אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, ״וְעַל כֵּן״, און דֶערְפַאר, ״נִקְרָא לִמּוּד הָרַב עִם הַתַּלְמִידִים ׳יְשִׁיבָה׳״, רוּפְט מֶען דָאס רֹאשׁ יְשִׁיבָה וְכוּ׳, עַיֵּין שָׁם.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶנְק זָאלְן אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם מִיט לִיבְשַׁאפְט

און שָׁלוֹם, אִיךְ ווייס אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַארְגִינְט נִישְׁט אוּנְזֶער שֵׁיינֶע קְהִילָה, עֶר הַאלְט דָאס נִישְׁט אוֹיס - ווִי דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען קוּמְט אַרַיין מֶער אִין דִי ווֶעלְט, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם ווִיל נָאר צֶעווַארְפְן אוּנְזֶער קְהִילָה, אָבֶער עֶס ווֶעט אִים נִישְׁט הֶעלְפְן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכט): "אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעפִירְט און אִיךְ ווֶעל אוֹיסְפִירְן".

...

## גֶעבּ מִיר שֶׁפַע, אִיךְ זָאל קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין מַיין פַאמִילְיֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת אֱמוֹר, ט"ז אִיָּיר, ל' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט ווֶען מֶען קְוועטְשְׁט דִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי פַּרְנָסָה ווֶערְט ווֵיינִיגֶער - זָאלְסְטוּ גֵיין שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ דַאנְק דִיךְ פַאר אַלֶעס, שְׁכֹּחַ פַאר אַלֶע יָארְן ווֶען דִי פַּרְנָסָה אִיז גֶעפָארְן גָאר גוּט, יֶעצְט גֵייט שׁוֹין נִישְׁט ווִי אַמָאל, עֶס ווֶערְט מֶער און מֶער טְרוּקְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין מַיין מִשְׁפָּחָה".

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, יֶעצְט ווֶען עֶס דְרוּקְט אִיז גָאר אַן אַנְדֶערֶע הִתְבּוֹדְדוּת, דֶער רֶבִּי זָאגְט, ווֶען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּצַעַר וּבְדֹחַק שְׁרֵייט עֶר גָאר אַנְדֶערְשׁ, עֶר שְׁרֵייט מְעוּמְקָא דְלִבָּא, פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְץ. זָאלְסְטוּ אַזוֹי טוּן, גֵיין אִין אַ לֵיידִיגֶע אָרְט, אָדֶער אִין דַיין קַאר, אָדֶער אַ שְׁפַּאצִיר אִין פֶעלְד, און שְׁרֵיי: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דוּ בִּיסְט הַזָּן וּמְפַרְנֵס לַכֹּל, דִי גֶעלְט קוּמְט פוּן דִיר, אִיךְ בֶּעט דִיר בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים אַ מַתְּנַת חִנָּם, גֶעבּ מִיר שֶׁפַע, אִיךְ זָאל קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין מַיין פַאמִילְיֶע בְּנַחַת וְלֹא בְּצַעַר וְכוּ'".

אִיךְ בִּין אִין מִירוֹן, אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר.

...

## שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט״ז אִיָּר, ל׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ מִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט דִיךְ צוּ טְרֶעפְן אִין מִירוֹן אוּן צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ הָאסְט אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, דוּ בִּיסְט צוּפְרִידְן מִיט דַיין וַוייבּ אוּן זִי אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט דִיר.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע נֵס אַז מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִין חֶדֶר הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ. מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן פוּן מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְוִי אַזוֹי צוּ נֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶועג; אַז שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת, וְהִבְדִּילָנוּ מִן הַתּוֹעִים וָואס לֶערְנֶען פַאלְשֶׁע לִימוּדִים פוּן אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ, אוּן פוּן דִי פַאלְשֶׁע כִּתּוֹת וָואס לֶערְנֶען חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

זֶע וַוייטֶער צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ, זַיי מְכַבֵּד דַיין וַוייבּ, גֶעבּ אִיר כָּבוֹד (נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן וד״ל). רֶעד צוּ אִיר מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ וְוִי מֶען רֶעדְט צוּ אַ טֵייעֶרְקֵייט, דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן שֶׁפַע, דוּ וֶועסְט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן חוֹבוֹת, אוּן אַז דוּ וֶועסְט לֶעבְּן אִין שְׁטוּבּ בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְלֹא בְּדֶרֶךְ הַכְּלוֹמֶר׳יִשֶׁע עוֹבְדִים, אִיבֶּערְלָאזְן דִי וַוייבּ, אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ הַשֵּׁם יְרַחֵם, נָאר לֶעבְּן בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ קֶענֶען קֶעגְן שְׁטֶעלְן דִי שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת פוּן אוּנְזֶער דוֹר, וָואס אִיז כּוֹלֵל דוֹר הַמַּבּוּל וְדוֹר הַפְּלָגָה, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס לִיבְּט דִיךְ זֵייעֶר.

...

## אַלֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים וֶועלְן גֶעדֶענְקְט וֶוערְן פַאר אֵייבִּיג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט״ז אִיָּר, ל׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט פוּן אַייעֶר צַעַר אוּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת וְכוּ׳.

וויסְן זָאלְט אִיר, קֵיין אֵיין גוּטֶע זַאךְ גֵייט נִישְׁט לְאִבּוּד, אֲפִילוּ נָאר אַ גוּטֶע מַחֲשָׁבָה וָואס מֶען טְרַאכְט - גֵייט נִישְׁט לְאִבּוּד. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (פָּרָשַׁת תְּרוּמָה, קנ:): "לֵית רְעוּתָא טָבָא דְּיִתְאֲבִיד מִקַּמֵּי מַלְכָּא קַדִּישָׁא", קֵיין אֵיין גוּטֶע ווִילְן גֵייט נִישְׁט לְאִבּוּד, אוּן זִיכֶער נִישְׁט אַ גוּטֶע מַעֲשֶׂה, אוּן כָּל שֶׁכֵּן וְקַל וָחֹמֶר מְסִירוּת נֶפֶשׁ וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן בְּלַייבְּט לְנֵצַח נְצָחִים.

אִיז דֶערְפַּאר זָאלְט אִיר נִישְׁט הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת פַּאר אַלֶע אַייֶערֶע אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט אוּן מְסִירוּת נֶפֶשׁ וָואס אִיר הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אַוֶועק גֶעגֶעבְּן אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן אוּן צוּ שֵׁיין מַאכְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען, אוּן יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמֶען פְרִישֶׁע מְקוֹרָבִים אוּן זֵיי טוּעֶן וְכוּ', אוּן עֶס וֶוערְט פַארְגֶעסְן וֶוער עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טוּן וְכוּ', וֶוער הָאט גֶעאַרְבֶּעט אוּן גֶעשְׁוִויצְט וֶוען עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען וְכוּ'; וַוייל אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וֶועלְן יָא גֶעדֶענְקֶען, אִיז פַאר ווִי לַאנְג וֶועלְן דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן דָא זַיין? מֶערְסְטְנְס נָאךְ הוּנְדֶערְט יָאר, אוּן וָואס וֶועט זַיין נָאכְדֶעם? וֶוער וֶועט גֶעדֶענְקֶען נָאכְדֶעם? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעדֶענְקְט אוּן בַּאצָאלְט פַּאר יֶעדֶע גוּטֶע ווִילְן אוּן גוּטֶע מַחֲשָׁבָה, אוּן זִיכֶער פַּאר אַלֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים, אוּן לְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא, לוֹיט דִי פְּלָאג אוּן מוּטְשֶׁענִישׁ - וֶוערְט מֶען בַּאצָאלְט.

וּבְכֵן זָאלְט אִיר וַוייטֶער טוּן אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן בּוֹיעֶן אוּן שֵׁיין מַאכְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, טוּט עֶס נָאר צוּלִיבּ לִיבְּשַׁאפְט צוּם רֶבִּי'ן, לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער, לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה, וֶועט אִיר נִישְׁט הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת וְכוּ'.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִי וֶוערְטֶער שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט אִין מִירוֹן נָאכְן נִישְׁט שְׁלָאפְן פוּן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אוּן נָאכְן אַרוּם לוֹיפְן בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; יְרוּשָׁלַיִם, בְּנֵי בְּרַק, טְבֶרְיָ', מִירוֹן, אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּער גֶעשְׁטְרֶענְגְט, אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעדַארְפְט זַיין אִין יַבְנְאֵל, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעוַוארְט אוֹיף מִיר, אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאוַוייזְן, אִיךְ בִּין אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, דָאךְ שְׁרַייבּ אִיךְ אַייךְ וַוייל אִיךְ ווִיל אַייךְ וַוייזְן אַז אִיךְ גֶעדֶענְק יָא אַייעֶר מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אִיךְ גֶעדֶענְק גָאר גוּט פוּן אָנְהוֹיבּ בִּיז יֶעצְט אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעטוּן אוּן טוּעֶן צוּ שֵׁיין מַאכְן דֶעם רֶבִּינְ'ס נָאמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט. זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁוַואכְן

פוּן דִי מַחֲשָׁבוֹת, נָאר וַוייטֶער טוּן אָן קַיין שׁוּם חֶשְׁבּוֹנוֹת, נָאר טוּן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס זָאל שׁוֹין זַיין יִתְגַּדֵּל וְיִתְקַדֵּשׁ שְׁמֵיהּ רַבָּא, אָמֵן.

...

## בֶּעסְטֶע סְגוּלָה פַאר פַּרְנָסָה, פַאר גֶעזוּנְט, פַאר נַחַת, פַאר שִׂמְחָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּהַר-בְּחוּקוֹתַי, כ״ג אִיָּיר, ל״ח לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס קוּמְט יֶעצְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, מִיר גֵייעֶן זוֹכֶה זַיין נָאכְאַמָאל צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה. ווייל אִיךְ דִיךְ מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אוּן גְּמָרָא אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, זֵיי גוֹרֵס אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אַ בְּלַאט גְּמָרָא נָאךְ אַ בְּלַאט גְּמָרָא, (אוֹיבּ דוּ הָאסְט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן זִיבְּן בְּלַאט גְּמָרָא - אִיז גָאר גוּט).

דִי תּוֹרָה וֶועט דִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן, דִי תּוֹרָה וֶועט דִיר גֶעבְן לֶעבְן, אַלֶעס וֶועט דִיר בֶּעסֶער וֶוערְן. נִישְׁטָא נָאךְ אַ בֶּעסֶערֶע סְגוּלָה פַאר אַלֶעס; פַאר פַּרְנָסָה, פַאר גֶעזוּנְט, פַאר נַחַת, פַאר שִׂמְחָה; מֶען דַארְף הָאבְּן אֵיין זַאךְ - אֱמוּנַת חֲכָמִים, גְלֵייבְּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים אוּן טוּן זֵייעֶרֶע עֵצוֹת, אוּן הָאבְּן סַבְלָנוּת, נִישְׁט אָפְּלָאזְן זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע עֵצוֹת.

פַּיינִיג זִיךְ נִישְׁט מִיטְן עָבַר, קוּק גְרָאד, קוּק אוֹיף פָארְאוֹיס, וֶועסְטוּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

...

## אַ פַארְזָארְגְטֶער, אַ נֶערְוֶועזֶער, אַ דֶעפְּרֶעסְטֶער, אַ דֶערְשְׁלָאגֶענֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, מ"ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, דֶער טָאג אִיז מְסוּגָּל צוּ מַאכְן אַ פְרִישֶׁע הַתְחָלָה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן אַז דוּ זוּכְסְט אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְּן אַ חֵשֶׁק אוּן הַתְמָדָה צוּ לֶערְנֶען - זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי סְגוּלָה פוּן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן צא) אַ סְגוּלָה לְהַתְמָדָה, נִישְׁט צוּ רֶעדְן אוֹיף קַיין שׁוּם אִיד שְׁלֶעכְט, נִישְׁט הָאבְּן מִיט קַיין מַחֲלֹקֶת, מִיט קַיין קְרִיגֶערַייעֶן, מִיט קַיין כַּעַס, אוֹיךְ אִין שְׁטוּב זָאל נִישְׁט זַיין קַיין שׁוּם כַּעַס אוּן קְפֵידוֹת.

ווילְסְט פַּרְנָסָה? שְׁנַייד אָפּ דַיין כַּעַס, דַיין צָארְן. דֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט (פְּרִי עֵץ חַיִּים שַׁעַר הַזְּמִירוֹת, פֶּרֶק ה), וֶוען מֶען זָאגְט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קמה, טז): "פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ", זָאל מֶען אִינְזִין הָאבְּן דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אוּן דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת, דִי שֵׁם פוּן ח'ת'ך' א'פ'י', מוֹהֲרַאנַ"שׁ זָאגְט פְּשַׁט, "חֲתָךְ אַפִּי" אַז דוּ וֶועסְט צֶעשְׁנַיידְן דִי נָאז, דֶעם חֲרוֹן אַף, וֶועסְט הָאבְּן אֲרִיכוּת אַפַּיִם - דָאס אִיז דִי שֵׁם פוּן פַּרְנָסָה, דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ שֶׁפַע אוּן צוּ הַצְלָחָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַוֶועק וַוארְפְן דַיין גֶעטְשְׁקֶע, דִי מָאוִויס פוּן נִיאוּף; אוֹי וַויי, אוֹי וִוי בִּיטֶער עֶס אִיז אַז מֶען קוּקְט מָאוִויס, אוֹי וַויי, מֶען וֶוערְט דָאךְ נִישְׁט גֶעזוּנְט גֵייסְטִישׁ, מֶען וֶוערְט אַ פַארְזָארְגְטֶער, אַ נֶערְוֶועזֶער, אַ דֶעפְּרֶעסְטֶער, אַ דֶערְשְׁלָאגֶענֶער, אוֹי וַויי, אוֹי וַויי, וִויפִיל בִּיסְטוּ גְרֵייט צוּ פַארְלִירְן צוּלִיבּ דִי דִמְיוֹן פוּן קוּקְן מָאוִויס, קוּקְן שָׁארְטְס, קוּקְן סְטֶעטוּס, טִיק טַאק; דָאס אִיז אוֹיךְ גוֹרֵם מֶען זָאל פַארְלִירְן דִי פַּרְנָסָה, דָאס אִיז אוֹיךְ אַ בְּחִינָה פוּן "חֲתָךְ אַפִּי", דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפד): "בְּהַחֹטֶם יְכוֹלִים לְהַכִּיר הַנּוֹאֵף", מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען אַ בַּעַל עֲבֵירָה דוּרְךְ זַיין נָאז; מוֹהֲרַאנַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, דִי נָאז מֵיינְט מֶען דִי מִדָּה פוּן כַּעַס, דֶער וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג נֶערְוֶועז - אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ נוֹאֵף. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לח, ז): "וַיְהִי עֵר בְּכוֹר יְהוּדָה רַע

בְּעֵינֵי ה׳״, פְרֶעגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רמט), פַארְוָואס שְׁטֵייט: ״׳רַע׳ בְּעֵינֵי ה׳״ - עֶר אִיז גֶעוֶוען שְׁלֶעכְט אִין דִי אוֹיגְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין: ״׳רָשָׁע׳ בְּעֵינֵי ה׳״, נָאר וַוייל וֶוער עֶס טוּט דִי עֲבֵירָה פוּן עֵר וְאוֹנָן, עֶר אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, וֶוערְט אַ ׳רַע׳ - אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ; עֶר שְׁרֵייט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, עֶר שְׁרֵייט אוֹיף אַלֶע אַרוּם אִים, אַלֶע זֶעעֶן אוּן וֵוייסְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ בַּעַל עֲבֵירָה, מֶען וֶוערְט גֶעוואוּיר זַיין גַאנְצֶע עָבַר וְכוּ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## תּוֹרָה מַאכְט גֶעזוּנְט דִי נֶפֶשׁ, אַלֶע פְּחָדִים אוּן דִמְיוֹנוֹת גֵייעֶן אַוֶועק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת אֱמוֹר, י״ז אִיָּיר, ל״ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

גַנֶב׳עֶ אַרוֹיס אִין דַיין פַארְנוּמֶענֶע טָאג צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא. דֶער רֶבִּי זָאגְט, מֶען דַארְף אַרוֹיסְכַאפְּן אִין טָאג, אִין דִי פַארְנוּמֶענְקֵייט - צוּ לֶערְנֶען. דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן רפד), אַז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת לא.), מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ: ״קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה״, טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי, ׳קֶבַע׳ אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן גְזֵלָה, מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ: ״הָאסְט אַרָאפְּגֶע׳גַנְבֶ׳עט צַייט אִין דַיינֶע פַארְנוּמֶענְקֵייטְן צוּ לֶערְנֶען?

תּוֹרָה מַאכְט גֶעזוּנְט דִי נֶפֶשׁ, מֶען וֶוערְט גֶעזוּנְט, אַלֶע פְּחָדִים, דִמְיוֹנוֹת - אַלֶעס גֵייט אַוֶועק. אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת בַּיי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען צוּם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי׳ן, פוּן לֶערְנֶען כְּסִדְרָן מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אוּן זֵיי זֶעעֶן נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן אוּן בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֵייט, אַ זֶעלְבְּסְטְזִיכֶערְקֵייט, פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס הֶערְט זִיךְ צוּ אוּן פָאלְגְט דִי עֵצוֹת פוּן צַדִיק, וֶועט אִים גוּט זַיין בָּזֶה וּבַבָּא.

...

## גֶעב דַיינֶע צְדָקוֹת צוּ בּוֹיעֶן דֶעם רֶבִּינְ׳ס מוֹסְדוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, ב׳ סִיוָן, מ״ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דִי וָועכֶענְטְלִיכֶע שִׁיעוּר, אַמָאל פְלֶעגְסְטוּ קוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים מִיט אַ דוּרְשְׁט, מִיט אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִיל; יֶעדֶע וָוארְט, יֶעדֶע שִׂיחָה פוּן רֶבִּי׳ן - אִיז דִיר גֶעוֶוען טַייעֶר, הָאסְט בַּאקוּמֶען אַזוֹיפִיל חִיזוּק אוֹיף לֶערְנֶען, דַאוְונֶען אוּן אוֹיף מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ וְכוּ׳. בַּאנַיי זִיךְ אוּן וֶוער פְּרִישׁ מְקוּרָב, וֶועסְט אַזוֹיפִיל פַּארְדִינֶען, דִי לֶעבְּן וֶועט דִיר אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט אַזוֹיפִיל גוּטְס.

גֶעב דַיינֶע צְדָקוֹת צוּ בּוֹיעֶן דֶעם רֶבִּינְ׳ס מוֹסְדוֹת. מוֹהֲרַא״שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל גֶעבְּן מַיינֶע צְדָקוֹת פַּארְן אַוֶועק שְׁטֶעלְן מוֹסְדוֹת וָואס פַּארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פַּאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל אִים הֶעלְפְן אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן זַיינֶע חוֹבוֹת, אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן זָאלְן זִיךְ אָנְשְׁלִיסְן מִיט שֵׁיינֶע סְכוּמִים. שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ דֶערְצֵיילְט פַּאר מוֹהֲרַא״שׁ אַז אִיךְ נֶעם צַאם גֶעלְט פַּאר דֶעם אוּן דֶעם, מוֹהֲרַא״שׁ גֶעבְּט אַ קוּק אוֹיף מִיר אוּן זָאגְט מִיר: ״דֶער וֶועט זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן, דוּ זָאלְסְט שַׁאפְן גֶעלְט אַוֶועק צוּ שְׁטֶעלְן מוֹסְדוֹת וָואס פַּארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת פַּאר דִי וֶועלְט״.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַסַאךְ פְּעלֶער וָואס אִיךְ הָאבּ אַוֶועק גֶעגֶעבְּן מַיינֶע לֶעצְטֶע פְּרוּטוֹת, וַוייל מַיין טֶבַע אִיז זֵייעֶר אַ וֵוייכֶע, אִיךְ וֶוער צֶערִיסְן וֶוען אִיךְ זֶע ווִי אֵיינֶער גֵייט קְלֵייבְּן צְדָקָה אוּן זָאגְט עֶר הָאט נִישְׁט, אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶענַארְט, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹיפִיל מַעֲשִׂיוֹת

וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן מַיין בִּיסְן בְּרוֹיט, בְּשָׁעַת יֶענֶער הָאט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט גֶעלְט און אִין זַיין מֹחַ הָאט עֶר נִישְׁט קַיין גֶעלְט, וַוייל דִי גֶעלְט הָאט עֶר אַוֶועק גֶעלֵייגְט פַאר דִירוֹת וְכוּ׳; דָאס הָאט מִיךְ נָאכְאַמָאל גֶעשְׁטַארְקְט צוּ גֶעבְּן מַיינֶע צְדָקוֹת פַאר דִי מוֹסְדוֹת וָואס פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט.

אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם שָׁבוּעוֹת וֶועל אִיךְ זַיין אִין שְׁטֶעטְל, מִיר וֶועלְן בַּאנֵייעֶן דֶעם גְרוֹיסְן שׁוּל "הֵיכַל דָוִד". אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה, סוֹף ווינְטֶער וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען שַׁבָּת אִין שְׁטֶעטְל בַּיי מַיין אֵיידֶעם נְתַנְאֵל נֵרוֹ יָאִיר, שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג אִין שׁוּל אִיז צוּ מִיר צוּגֶעקוּמֶען הָאַבְרֵךְ דָוִד לַאקְס נֵרוֹ יָאִיר און מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל גֶעבְּן אַ הַאלְבּ מִילְיָאן דָאלֶער פַאר דִי נֵייעֶ שׁוּל, עֶס זָאל זַיין אַ זְכוּת פַאר אִים לְדוֹרוֹת. דָאס אִיז גֶעוֶוען אָן בֶּעטְן. דָאס אִיז אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס וֶועט דָא זַיין, פוּן וואוּ וֶועל אִיךְ נֶעמֶען דִי גֶעלְט צוּ בּוֹיעֶן דֶעם שׁוּל? אִיךְ בִּין אַרַיין אִינֶעם בּוֹיעֶן עַל דַּעַת עֶס וֶועט קָאסְטְן אַפְּאר הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער, לְמַעֲשֶׂה הָאט דָאס אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין גָאר גְרוֹיסֶע גֶעלְטֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אַזוֹי אִיז עֶר צוּ מִיר צוּגֶעקוּמֶען בֶּעטְן אוֹיבּ עֶר קֶען הָאבְּן דִי זְכוּת. דָאס וֶועט אִים טַאקֶע זַיין אַ זְכוּת לְדוֹרוֹת, וַוייל אַז מֶען בּוֹיט אַ שׁוּל אָדֶער מִקְוֶה, אָדֶער סַיי וָואס פַאר צָרְכֵי צִבּוּר - אִיז אַלֶע תּוֹרָה, תְּפִלָּה און גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען טוּט דָארְט - לִזְכוּת דִי וָואס הָאבְּן דָאס גֶעבּוֹיט.

אוֹיךְ הָאט מִיר הָאַבְרֵךְ שַׁבְּתַי מִזְרַחִי נֵרוֹ יָאִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר גֶעבְּט אַ הַאלְבּ מִילְיָאן דָאלֶער פַאר דִי זְכוּת פוּן דִי מִקְוֶה, און אוֹיךְ הָאַבְרֵךְ מְנַחֵם שְׁטֵיינְבֶּערְג נֵרוֹ יָאִיר הָאט גֶעגֶעבְּן הוּנְדֶערְט און פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער פַאר דִי שׁוּל.

אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ טְרַאכְטְן רִיכְטִיג וָואס צוּ טוּן מִיט גֶעלְט, צוּ בּוֹיעֶן שׁוּלְ׳ן און מוֹסְדוֹת פַאר דִי קִינְדֶער, מִקְוָאוֹת, עֶס זָאל זַיין אַ זְכוּת פַאר זֵיי דָא און אוֹיבְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ בַּאצָאלְן שְׂכַר לִימוּד, און אַז דַיין טַאטֶע הָאט פַאר דִיר נִישְׁט גֶעצָאלְט קֵיין שְׂכַר לִימוּד דִי אַלֶע יָארְן וָואס דוּ הָאסְט

גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה - זָאלְסְטוּ עֶס בַּאצָאלְן. שְׂכַר לִימוּד אִיז נִישְׁט קַיין נְדָבָה זַאךְ, עֶס אִיז אַ חִיוּב וָואס לִיגְט אוֹיפְן מֶענְטְשׁ צוּ צָאלְן, אוּן נָאר אַז מֶען צָאלְט שְׂכַר לִימוּד אִיז דָא אַ בְּרָכָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי אֵיידֶעלֶע וַוייבֶּער זֶענֶען גֶעטְרֵייע צוּם מַאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י״ח אִיָּיר, ל״ג בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין אִין מִירוֹן, אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי מַתָּנָה, דַיין טֵייעֶרֶע וַוייבּ. הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַן אִשָּׁה כְּשֵׁרָה, אֵיידְל אוּן טֵייעֶר, זָאלְסְט אִיר אוֹיסְרִימֶען, זָאלְסְט אִיר שֶׁעצְן. זַיי קְלוּג, זַיי נִישְׁט ווִי דִי קְלֵיינֶע קֶעפְּעלֶעךְ וָואס שֶׁעמֶען זִיךְ מִיט אֵיידְלְקֵייט, וָואס מֵיינֶען אַז עֶס פֶעלְט עֶפֶּעס, כְּאִילוּ עֶס אִיז דָא עֶפֶּעס מֶער וֶוען מֶען גֵייט נִישְׁט אֵיידְל, עֶס אִיז פִּינְקְט פַּארְקֶערְט; נָאר דִי אֵיידֶעלֶע וַוייבֶּער זֶענֶען גֶעטְרֵייע צוּם מַאן, וַוייל זֵיי זֶענֶען גֶעטְרֵייע צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה, זֵיי הֶערְן אוֹיס דִי קוֹל פוּן צַדִיקִים וָואס לֶערְנֶען שָׁלוֹם בַּיִת. דִי נִישְׁט אֵיידֶעלֶע גֶעבְן גָארְנִישְׁט, זֵיי זֶענֶען דָא נָאר לְמַעַן הַבְּחִירָה וְהַנִּסָּיוֹן, וד״ל.

לוֹיבּ אוֹיס דַיין וַוייבּ מִיט אִיר אֵיידְלְקֵייט, וַוייל אִין אִיר זְכוּת אִיז דִי שְׁכִינָה בַּיי עֶנְק אִין שְׁטוּבּ.

...

## דֶער וָואס זָאגְט תְּהִלִּים, פַּאלְט נִישְׁט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י״ח אִיָּר, ל״ג בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּנֵי בְּרַק**

זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן צח), תְּהִלִּים אִיז אַזוֹי וִוי אַ מִשְׁעֶנֶת וָואס הַאלְט אוּנְטֶער דֶעם מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט פַאלְן, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער וָואס זָאגְט תְּהִלִּים - פַּאלְט נִישְׁט.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס אִיר דַארְפְט.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## וֶועסְט עֶנְדִיגְן שַׁ״ס, וֶועל אִיךְ בְּלִי נֶדֶר דִיךְ נֶעמֶען קַיין מִירוֹן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י״ח אִיָּר, לַ״ג בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵּל פַאר דִיר דוּ זָאלְסְט וַואקְסְן אַ צַדִּיק אוּן טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

דָא אִין מִירוֹן בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אַלֶע קוּמֶען זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי הִלּוּלָא. אִיךְ הָאבּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען פְלַייסִיג אוּן אַז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ״ס וֶועל אִיךְ בְּלִי נֶדֶר דִיךְ נֶעמֶען דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר.

מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען אִינְדֶערְפְרִי אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן לְכָל הַפָּחוֹת זִיבְּן בְּלַאט גְמָרָא, אוּן וִוי לַאנְג דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט דִי צְוֵויי שִׁיעוּרִים, חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן זִיבְּן בְּלַאט גְמָרָא - זָאלְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט קֵיינֶעם, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג.

נֶעכְטְן עֶרֶב לַ״ג בָּעֹמֶר בִּין אִיךְ מִיט מַאמִי גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי צִיּוּן פוּן זֵיידִי

און בַּאבִּי פון קַארְלְסְבּוּרְג, מִיר הָאבְּן גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר און פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

יֶעצְט אִין דִי בְּרֶענֶעדִיגֶע הֵייסֶע זוּמֶער טֶעג דַארְפְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ גֵיין אִין גַאס מִיט דִי אוֹיגְן אַרָאפּ, נִישְׁט נָאר וֶוען עֶס קוּמֶען דִי קְלִיפּוֹת זָאלְסְטוּ אַרָאפְּקוּקְן, נָאר אֲפִילוּ וֶוען דִי גַאס אִיז לֵיידִיג, וַוייל נָאר אַז מֶען קוּקְט אַרָאפּ קֶען מֶען נִיצוֹל וֶוערְן פון שְׁלֶעכְטְס.

...

## בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידוֹת זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ אֵיידְלְקֵייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י״ח אִיָּר, לַ״ג בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

בִּזְכוּת וָואס אִיר הָאט זִיךְ אָנְגֶעטוּן ... וֶועט אִיר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן זָאגְט, אַז דִי פְרוֹי וָואס אִיז אֵיידְל און גֵייט אָנְגֶעטוּן אֵיידְל - אִיז זוֹכֶה צוּ קִינְדֶער צַדִּיקִים.

אִיךְ בִּין אִין מִירוֹן, אִיךְ בֶּעט פַאר עֶנְק, און אִיךְ בֶּעט פַאר אַלֶע תַּלְמִידוֹת, און אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע "בֵּית פֵיגָא" תַּלְמִידוֹת זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ אֵיידְלְקֵייט, אַלֶע זָאלְן לִיב הָאבְּן דִי אֱמֶתְ׳עֶ חֵן, אֵיידְל און בַּאשֵׁיידְן, און זִיךְ עֶקְלֶען און פַארְ׳מִיאוּסְ׳ן דִי פְּרִיצוּתְ׳דִיגֶע קְלֵיידֶער און פִירַאכְצֶער.

...

## פַארְצֵייכֶענֶען וֶוען און וִויפִיל גֶעעֶנְדִיגְט תְּהִלִּים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י״ח אִיָּר, לַ״ג בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּנֵי בְּרַק**

זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים און וֶוען אִיר עֶנְדִיגְט זָאלְט אִיר זִיךְ פַארְצֵייכֶענֶען אִינֶעם תְּהִלִּים וֶוען און וִויפִיל מָאל אִיר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט, און גְלַייךְ אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר גֶעדֶענְקֶען אַז אִיר זֶענְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אַייךְ, בַּיי אַייךְ און נֶעבְּן אַייךְ, און אִיר קֶענְט אִים אַלֶעס בֶּעטְן.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## קוּקְן גוּט און זוּכְן דָאס גוּטְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י״ח אִיָּר, לַ״ג בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אֶפְשָׁר וִוילְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, קוּקְן גוּט אוֹיף אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן רפב), דוּרְךְ קוּקְן גוּט, דוּרְךְ זוּכְן גוּטְס - קֶען מֶען יֶענֶעם אִיבֶּערְדְרֵייעֶן צוּ גוּטְס; דֶער רֶבִּי רֶעדְט אֲפִילוּ פוּן אַ רָשָׁע וָואס פַאלְט אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיב מֶען קוּקְט גוּט, מֶען זוּכְט דָאס גוּטְס אִין אִים - קֶען מֶען אִים אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוֹיף גוּט; אִיז דָאךְ מַמָּשׁ אַ שָׁאד אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן נִישְׁט טוּן אִין דֶעם, מֶען זָאל זִיךְ קָאנְצֶעטְרִירְן אִין דֶעם, צוּ קוּקְן גוּט און זוּכְן דָאס גוּטְס, און נָאר זוּכְן צוּ מְחַיֶ׳ זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן מִיט דֶעם, דָאס זָאלְסְטוּ זִיךְ פָארְנֶעמֶען אִין דֶעם גְרוֹיסְן טָאג לַ״ג בָּעֹמֶר, קוּקְן גוּט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם. אוֹיךְ

אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס זָאלְסְטוּ קוּקְן גוּט אוּן זוּכְן גוּטְס, וַוייל נָאר אַז מֶען קוּקְט גוּט אוֹיף זִיךְ - קֶען מֶען קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע גוּט.

...

## טוֹיזְנְטֶער אִידְן הָאבְּן אוֹיפְגֶעלוֹיכְטְן דוּרְךְ דִי שִׁיעוּרִים אוּן סְפָרִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת אֱמוֹר, י״ח אִיָּר, לַ״ג בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין אִין מִירוֹן אוּן דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ מַהְפֵּכָה דִי שִׁיעוּרִים אוּן דִי גִּלְיוֹנוֹת אוּן קוּנְטְרֵסִים הָאבְּן גֶעמַאכְט, וְויפִיל אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן - וֶועסְטוּ דָאס נִישְׁט גְלֵייבְּן. צֶענְדְלִיגֶער אוּן הוּנְדֶערְטֶער, אוּן אֲפִילוּ טוֹיזְנְטֶער - זָאגְן מִיר יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן זֵייעֶר לֶעבְּן צוּם גוּטְן, אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן, מֶען בַּאלַאגֶערְט מִיךְ, אַלֶע זָאגְן אַז זֵייעֶר לֶעבְּן אִיז זֵיי לִיכְטִיג גֶעוָוארְן.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס וַוייל אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף דַיינֶע בִּלְבּוּלִים אוּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, זָאלְסְט וִויסְן אַז אַלֶע לֶעבְּן פוּן דִי גִּלְיוֹנוֹת, שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ, עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וְכוּ׳.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר אַז דִי סֵפֶר ״וַתְּחַיֶּינָה אֶת הַיְלָדִים״ אִיז שׁוֹין אַרַיין אִין דְרוּק, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר, אוּן אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ וֶועסְט וַוייטֶער טוּן אִין הַדְפָּסָה, וּבִזְכוּת עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה זָאלְסְטוּ זֶען יְשׁוּעוֹת, אוּן דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

## רֶעדְן צום אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף מַאמֶע לָשׁוֹן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י״ח אִיָּר, לַ״ג בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

זֶעט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, וֶועט אִיר וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת אוּן זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר מַאמֶע לָשׁוֹן, דַאנְקְט אִים אוּן לוֹיבְּט אִים פַאר אַלֶע חֲסָדִים, אוּן בֶּעטְס אִים אַלֶעס וָואס אִיר ווִילְט.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## דִי זִיסֶע אַיינְגֶעגֶעמֶע אוּן לוֹיטֶערֶע לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּהַר-בְּחוּקוֹתַי, כ׳ אִיָּר, ל״ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רנב): ״כְּשֶׁמְּקֹרָבִים לְצַדִּיק הָאֱמֶת״, וֶוער עֶס אִיז מְקוּרָב צוּם אֱמֶת׳ן צַדִּיק, ״טוֹעֲמִים טַעַם גַּן עֵדֶן״, שְׁפִּירְט מֶען אִין לֶעבְּן טַעַם ׳גַן עֵדֶן׳; וַוייל דֶער צַדִּיק שַׁיינְט אַרַיין אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים דִי זִיסֶע אַיינְגֶעגֶעמֶע אוּן לוֹיטֶערֶע לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ אַרוּם גֶענוּמֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז דִי טַעַם פוּן גַן עֵדֶן.

טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, יֶעצְט וֶוען מִיר קוּמֶען נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, מִיר גֵייעֶן מְקַבֵּל זַיין פוּן פְרִישׁ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן בְּלֶעטֶער גְמָרָא, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן טַעַם גַן עֵדֶן, דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ שְׁמִירָה עֶלְיוֹנָה.

...

## מַאךְ פְרֵיילִיכֶע לֶעבֶּעדִיגֶע סְעוּדוֹת אִינְדֶערְהֵיים

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, ג׳ סִיוָן, מ״ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

פָאריגֶע וָואךְ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין יְרוּשָׁלַיִם, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ צַאמְקוּם אַוֶועק צוּ שְׁטֶעלְן מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ, הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ עַל טָהֳרַת הַקוֹדֶשׁ, מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה אִין יְרוּשָׁלַיִם לִכְבוֹד פֶּסַח שֵׁנִי. בַּיי דִי סְעוּדָה אִיז גֶעוֶוען אַ פַּאנֶעל, מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט שְׁאֵלוֹת אוּן גֶעעֶנְטְפֶערְט תְּשׁוּבוֹת. אֵיינֶע פוּן דִי שְׁאֵלוֹת הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט: ״וָואס זָאל אַ טַאטֶע טוּן אַז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְ׳ס סְעוּדָה אוּן אֵיינֶער פוּן דִי קִינְדֶער הָאבְּן גֶעוִוילְדֶעוֶועט, אוּן דֶער טַאטֶע הָאט זִיךְ פַארְלוֹירְן אוּן זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט, וָואס טוּט מֶען וַוייטֶער וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס אוֹיבּ מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף?״

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז דָאס אִיז דָאךְ דֶעם רֶבִּינְ׳ס זַאךְ, ״פוּן יֶעצְט״; אַז דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן הֵייבּ זִיךְ אוֹיף אוּן הוֹיבּ אָן ״פוּן יֶעצְט״, אַז מֶען הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט, מֶען אִיז גֶעקוּמֶען צוּ כַּעַס רַחֲמָנָא לִצְלָן - זָאל מֶען גְלַייךְ תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אָנְהוֹיבְּן ״פוּן יֶעצְט״, דָאס אִיז דִי לִימוּד פוּן רֶבִּי׳ן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט מַאכְן שֵׁיינֶע סְעוּדוֹת, זִינְג נִישְׁט בַּיי דִי סְעוּדָה קַיין מָרָה שְׁחוֹרָה נִיגוּנִים וְכוּ׳, זִינְג פְרֵיילִיכֶע נִיגוּנִים, זִינְג לֶעבֶּעדִיגֶע נִיגוּנִים, דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ שַׁבָּת, זֵיי זָאלְן וַוארְטְן אוֹיף שַׁבָּת, זֵיי זָאלְן זִיךְ אַ גַאנְצֶע וָואךְ בֶּענְקֶען צוּם שַׁבָּת.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אִיבֶּערְבֶּעטְן דַיין וַוייבּ, אוּן הֶער שׁוֹין אוֹיף צוּ זַיין גֶערֶעכְט, וִויפִיל אִיז דִי שִׁיעוּר צוּ זַיין גֶערֶעכְט? וָואס וֶועסְטוּ טוּן מִיט דֶעם אַז דוּ בִּיסְט גֶערֶעכְט? מֶען קֶען עֶס נִישְׁט קֶעשְׁן, מֶען קֶען גָארְנִישְׁט טוּן מִיטְן אוֹיפְוַוייזְן טָאג אוּן נַאכְט ׳אִיךְ בִּין גֶערֶעכְט׳, ׳אִיךְ בִּין גֶעוֶוען גֶערֶעכְט׳, ׳זֶעסְט אַז אִיךְ בִּין גֶערֶעכְט׳; שׁוֹין, גֶענוּג גֶעוֶוען, יֶעצְט הוֹיבּ אָן זַיין פְרֵיילִיךְ, בֶּעט אִיבֶּער אוּן גֶעבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער, בְּרֶענְג אַרַיין דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה, מַאךְ אַ פְּלַאץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

שָׁבוּעוֹת וֶועסְטוּ אַוַדַּאי זָאגְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער דִי תּוֹרָה פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה אוֹיפְן בַּארְג סִינַי, וַוייל דִי בַּארְג הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן קְלֵיין, אִיז אַנְשְׁטָאט זָאגְן דִי תּוֹרָה - זָאל זַיין 'הוּא הָיָה אוֹמֵר', דוּ זָאלְסְט אַרוֹיסְשְׁרֵייעֶן דִי תּוֹרָה, בֵּייג זִיךְ אַיין דִי קָאפּ אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוֹיף דִיר גֶעבְּן דִי תּוֹרָה, עֶס וֶועט זַיין בַּיי דִיר אֲנִי אֶשְׁכּוֹן אֶת דַּכָּא, אִיךְ רוּ בַּיי דִי וָואס הַאלְטְן זִיךְ קְלֵיין.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, בְּרֶענְג נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּב קַיין שׁוּם לֵיין מַאטְרִיַאל. וָואלְסְטוּ גֶעווּאוּסְט ווִי שֶׁעדְלִיךְ דָאס אִיז (דִי אִידִישֶׁע, דִי פְרוּמֶע) - וָואלְסְטוּ דָאס פַארְבְּרֶענְט. בְּרֶענְג אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, מִיט תְּמִימוּת, רֵיין פוּן לֵיצָנוּת, דַיין לֵיינֶען שַׁבָּת זָאל זַיין נָאר וֶוערְטֶער פוּן אַ צַדִיק. מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין דִי בְּרִיווּ פוּן מוֹהֲרָא"ש אִין סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה - וָואס אִיז דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער פוּן אֲשֶׁר בַּנַּחַל.

אַז מֶען רוּפְט דִיךְ שַׁבָּת גֵיין דָא גֵיין דָארְט - זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן, שַׁבָּת זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, נִישְׁט גֵיין אִין עֶרְגֶעץ.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, עֶרֶב שָׁבוּעוֹת, ה' סִיוָן, מ"ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט נַאכְט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, זָאלְסְט טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי' אַז מִיר זֶענֶען אִידְן. אַזוֹי ווִי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן בַּיי מַתַּן תּוֹרָה, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת, "אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ", הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן: "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", דָאס אִיז דִי

גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, אַז מִיר זֶענֶען אִידְן, מִיר זֶענֶען פוּן דִי אוֹיסְדֶערְוֶועלְטֶע פָאלְק.

בְּרֶענְג אַרַיין אִין שְׁטוּב בְּלוּמֶעלֶעךְ אוּן בְּלֶעטֶעלֶעךְ. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין בֵּיימֶער אִין שׁוּל אוּן אִין שְׁטוּב צוּ וַוייזְן אַז אוֹיב מֶען ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה דַארְף מֶען גֵיין אִין פֶעלְד צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל לֶערְנֶען, אִיךְ ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען".**

הַיינְט בַּיינַאכְט, שָׁבוּעוֹת אוֹיף דֶער נַאכְט - אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ אוֹיפְבְּלַייבְּן אוּן זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן. מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, מֶען זָאל זָאגְן דִי עֶרְשְׁטֶע פָּסוּק אוּן דִי לֶעצְטֶע פָּסוּק פוּן יֶעדֶע פַּרְשָׁה, סַיי פוּן תּוֹרָה, סַיי פוּן נְבִיאִים אוּן סַיי פוּן כְּתוּבִים, אוּן נָאכְדֶעם זָאל מֶען זָאגְן דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת, אוּן אַז עֶס בְּלַייבְּט צַייט - זָאל מֶען גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן פַארְן עֲלוֹת הַשַּׁחַר גֵייט מֶען אִין מִקְוֶה. ווַייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נו, אוֹת ז), זִיךְ טוֹבֵל'ן אִין מִקְוֶה שָׁבוּעוֹת פַארְטָאגְס, פַארְן עֲלוֹת - אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס; אִין קַבָּלָה שְׁפְּרַאךְ אִיז דָאס 'שַׁעַר נ', חֶסֶד עֶלְיוֹן וְרַחֲמִים גְּדוֹלִים.

גֶעב אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען אִין אַזַא הֵיילִיגֶע נַאכְט - דִי צַייט, אוּן זִיכֶער נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ חִילוּל יוֹם טוֹב, רֵייכֶערְן צִיגַארֶעטְלֶעךְ, ווַייל דִי נַאכְט אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס. דֶער הֵיילִיגֶער אַרִיזַ"ל זָאגְט (שַׁעַר הַכַּוָּנוֹת דְּרוּשֵׁי חַג הַשָּׁבוּעוֹת, דְּרוּשׁ א): **"וְכָל מִי שֶׁלֹּא יָשַׁן בַּלַּיְלָה הַזֶּה כְּלַל, אֲפִילוּ רֶגַע אֶחָד"**, וֶוער עֶס דְרִימְלְט נִישְׁט דִי נַאכְט פַאר קַיין אֵיין רֶגַע נִישְׁט, **"וִיהִי' עוֹסֵק בַּתּוֹרָה כָּל הַלַּיְלָה"**, אוּן עֶר וֶועט זַיין פַארְנוּמֶען צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, **"מֻבְטָח לוֹ שֶׁיַּשְׁלִים שְׁנָתוֹ"**, קֶען זַיין זִיכֶער אַז עֶר וֶועט אוֹיסְלֶעבְן דִי יָאר, **"וְלֹא יֶאֱרַע לוֹ שׁוּם נֵזֶק בְּשָׁנָה הַהִיא"**, אוּן עֶס וֶועט אִים נִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס דִי גַאנְצֶע יָאר, אוּן דֶער צַדִּיק רֶבִּי חַיִּים פַאלַאגִ'י זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (מוֹעֵד לְכָל חַי סִימָן ח', אוֹת טז), מֶען אִיז זוֹכֶה: **"לַבָּנִים וּבְנֵי בָנִים תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, וְעוֹשֶׂה תִּיקּוּן לַשְּׁכִינָה, וּמְתַקֵּן מַה שֶּׁפָּגַם בְּעֵינָיו".**

בְּנוֹגֵעַ דַאוֶוענֶען יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת וָתִיקִין; דִי לֶעצְטֶע פָאר יָאר דַאוֶוען

אִיךְ נִישְׁט וָתִיקִין, אִיךְ הָאב גֶעזֶען אַז מוֹהֲרָא"ש הָאט נִישְׁט אַזוֹי מַקְפִּיד גֶעוֶועןאוֹיף דֶעם, אוּן דֶערְפַאר וָואס מַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען מִיט הַאלְטְן, אִיז מִיר עֶנְדֶערְשׁ צוּ דַאוֶוענֶען שְׁפֶּעטֶער. אָבֶער דוּ פַאר דִיר, זָאלְסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג פַאר דִיר. אוֹיךְ אִין שְׁטֶעטְל זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט וָואס דַאוֶוענֶען וָתִיקִין, מֶען מַאכְט אַ מִנְיָן פַארְטָאגְס, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶוער עֶס וִויל דַאוֶוענֶען - קֶען דַאוֶוענֶען שְׁפֶּעטֶער.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...